Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

היינט 16 זייטען!

Najer Folksblat

פרייז 30 גראשען

נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 209 (901 | Łódź, Sroda, 8 Września 1926 | פירטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך כט אלול תרפ"ו. | Nr. 209 (901

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24 71

א גוט יאהר

ווינשט זיינע מיטארבייטער, לעזער, צייטונגס-
פערשפרייטער און דעם גאנצן כלל ישראל

דער „נייער פאלקסבלאט"

צום נייעם יאהר תרפ"ז

שיקען מיר אונזערע מיטגלידער און סימפאטיקער און נאמען פון 150 יתומים די הערצליכסטע וואונשען.

די פערוואלטונג
פון יתומים-הויז, פולנאצנא 38
און סאנאטאריום „ראוואלינא".

812

אלע אונזערע מיטגלידער, מנדבים און סימ-
פאטיקער ווינשען מיר צום נייעם יאהר תרפ"ז

— א —

כתיבה וחתימה טובה

פערוואלטונג
פונ'ם אינטערנאט פאר יודישע קינ-
דער און פערמע אין העלענובעק".

818

דער צענטראלער
סוחרים און פאבריקאנטען-פערבאנד
אויף דער לאדזער וואיעוואדזטווא
פעטריקאווער 10

מיר ווינשען אונזערע מיטגלידער און סימפאטיקער צום נייעם יאהר

א כתיבה וחתימה טובה

לאדז, תרפ"ו

די פערוואלטונג

803

אלע בעקאנטע און ג. קונדען אין לאדז, ווי אויך
אין דער פראווינץ ווינשט א

796

כתיבה וחתימה טובה

און א גוט יאהר

די רעפרעזענטאנץ פון
לעמבערגער ביער-ברויערייי
אין לאדז, קילינסקא 85.

אונזער געעהרטע קונדשאפט אין לאדז
און אויף דער פראווינץ ווינשט
א כתיבה וחתימה טובה און א גוט יאהר

די רעפרעזענטאנץ
פון דער אקאטשימער ביער-ברויערייי
אין לאדז, זאכאדניע 2.

857

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

עס ווערט געדאווענט ר"ה וי"כ

אין ווייסען זאל זאכאדניא 43

מיט'ן בערימ-
טען חזן

דוד ראזענפעלד

מיט אן'איינשטודיר-
טען כאר פון 20

פערזאן, בעקוועהמע פלעצער, און אלע בעקוועהמליכקייטען. מ'בעט בעצייטענס
זיך צו פערזעהן מיט בילעטען — פלעצער צו 5 זל.

667

שטעט קען מען דינגען טעגליך, אין „ווייסען זאל", פון 8 פריה ביז 10 אווענד.

אכטונג פויזנער הוזיר'ער!

מיר מאכען אויפמערקזאם, אז דאס פערצייגערן
מיט'ן אנגעבען ביטעס וועגען

855

דאמאכראנזשנע

אוים'ן יאהר 1927 וועט ברענגען דערצו, אז זיי בילעך
וועלען זיך פערשפעטיגען.

לייגט דעריבער נישט אפ און זעגדט זיך גלייך צום

ה. ראפאלאוויטש

דרעוונאווסקא 16.

אויך יונגערע פון 25 יאהר דארפען קומען.

שטאפערען

ווערען געזוכט פון זאפארט
צו צרפאהרען ביי

859

ראפינאוויטש
צעגעלניאנע 61.

JAKÓB KARMAZYN

א כתיבה וחתימה טובה

און א גליקליך יאהר ווינשען מיר אונזער ליבע
מוטער שווינגער מוטער געשוויסטער, שוואגערס און
שוועגערינס ווי אויך די גאנצע פאמיליע

שלמה טאסה און פאמיליע.

998

א כתיבה וחתימה טובה

צום נייעם יאהר ווינשען מיר אונזער ליבע מוטער,
ליבע שווינגער-עלטערן, געשוויסטער, שוואגערס און
שוועגערינס ווי אויך אונזער גאנצע פאמיליע

הערמאן לעווינסקי און פרוי.

865

פארוואס
טרינקט די גאנצע וועלט

די טעע

פון די פאר'מלחמה'דיגע פירמע

וו. וויסאצקי עט קאמפ.

פריהער מאסקווע יעצט לאנדאן (עק. פון יאהר 1849)

ווייל: וויסאצקי'ס טעע האט דעם פיינסטען אראמאט (ריח) און שענסטען קאליר

וויסאצקי'ס טעע בעשטעהט פון די בעסטע סארטען

וויסאצקי'ס טעע איז פון אייגענע פלאנטאציעס

וויסאצקי'ס טעע איז די היגיענישסטע, ווייל זי ווערט סארטירט און גע-
פאקט דורך מאשין

וויסאצקי'ס טעע ווערט סארטירט אויף דעם זעלבען אופן און דורך די
זעלבע פאכמענער (סארטירער) פון פאר דער מלחמה

וויסאצקי'ס טעע איז די איינציגע טעע וואס איז ריין פון שטויב ווייל זי
ווערט געשטויבט דורך ספ. מאשינען — דאדורך איז

וויסאצקי'ס טעע ביים געברויך שפארזאם מיט איבער 50%

דעריבער טרינקען אלע טעע פון דער פארמלחמה'דיגע טעע-פירמע

וו. וויסאצקי עט קאמפ.

וועלכע איז געפאקט און באנדראלירט נור עכט מיט אויבענשטעהענדע מארקע

צו די הויז-בעזיצער אין בערלין!

וי למאן דלית ליה ביתא — ותרעא לביתא עביד,

דאס איז געמיינט אסך אויסלענדישע הויז-בעזיצער אין דייטשלאנד, וואס טראגען זיך ארום מיט פערשידענע פאנטאסטישע פלענער, וועגען דעם גרויסען ווערטה פון זייערע גרונדשטיקע. בעת אין דער אמת'ן קען זיין האבען זיי שוין גאר פאקטיש נישט די הייזער, איבער די שולד פון זייערע שלעכטע פערוואלטער. אומפינקטליכע שטייער צאהלונג ווידערשפרוך פון „שווארץ קויף", צו גרויסע אויסגאבען וכדומה, דאס אפצוראטעווען האט זיך געגרינדעט א פעראיין מיט א גרעסערן קאפיטאל און מיט דער הילף פון רוטינירטע יוריסטען

„GARANTIA", Berlin, Potsdamerstr. 118c

דער איינצעלנער, וועלכער פערוואלטעט רעיעל און עהרליך און ערטיילט גלייכצייטיג זיינע קליענטען אויף א קליינעם פראצענט קאסטעס אין דער הויך פון דער יעהרליכער הכנסה (איבערשוס) און גאראנטירט ווירקליך א פעסטע הויכען איבערשוס.

„Garantia" קויפט אויך פאר זיך אדער אנדערע פערזאנען צו די העכסטע פרייזען געגען באלדיגע קאסע-אויסצאהלונג.

„Garantia" בארגט אויך לאנג-טערמיניגע היפאטעקען-הלוואות צו די בעסטע בעדינגונגען.

„Garantia" ערלעדיגט אויך אלע „שווארץ-קויפע" אויפ'ן יורידישען און פרידליכען וועג.

„Garantia" איז א פעראיין, וואס כשמו כן הוא די בעסטע גאראנטיע פאר די בעסטע בעהאנדלונג אין אלע הינזיכטען. 108

וועגען אינפארמאציעס און אלע נויטיגע ערקלערונגען, אויך ערלעדיגונגען זיך צו ווענדען:

A. BRZEZINSKI, Łódż, Lipowa 20, Tel. 40-24.

אויף גינסטיגע בעדינגונגען!

מעטאל-בעטשטעלען,
קינדער-ספארט- וועגעלעך,
מאטראצען, דראטמאטראצען זאווי מאטראצען פאר האלב- בעטשטעלען לויט מאס „פאטענט" וואש-טואלעטען קויפט מען אמבילינסטען אין פאבריקס-לאגער

„DOBROPOL" פעטריקאווער 78 אין הויף.

בעמערקונג: עס ווערען אנגענומען בעטען צו לאקירען ווי אויך קינדער-וועגעלעך צו רעפערירען.

הגמנסיה העברית „יבנה"
בלודז, צגילניה 75.

מתקבלים תלמידים לשנת הלמודים הח שה אל כל המחלקות.
יהתרשם אפשר בלשכת - הגמנסיה (רחוב צעגעלנינא נומ' 75) בכל יום מנה שעה 10—12 לפניהצה ריים.
הלמודים והבחינות תתחלה ב15 לספטמבר ש. .
המנהל. 222

עס ווערען אנגענומען איינשרייבונגען פון נייע שילער אין עלטער פון 6 יאהר אן. די שול קאנצעלאריע איז טעטיג יעדען טאג פון 10—12. די למודים און די איינטריטס עקזאמענס הויבען זיך אן ד. 15 סעפטעמבער
דער דירעקטאר.

בעקאנטמאכונג
פון לאדזער קאנפעקציאנערען-פעראיין,
10 קאנסטאנטינער 10

מיר מאכען בעקאנט די קאנפעקציאנערען פון לאדז, אז לויט אנ'אפמאך, וואס איז געשלאסען געווארען דעם 6/9 מיט די שניידער-מייסטער פון מאגאזין-פאך מאכען מיר אויפמערקזאם, אז די קאנפעקציאנערען, וועלכע וועלען נישט זיין אנגעשלאסען אין 807

אונזער פעראיין, קאנסטאנטינ. 10

וועלען נישט בעקומען קיין ארבייט פון אויבענדערמאנטען פאך.

מיט אכטונג די פערוואלטונג.

פערשרייבט אייך מאסענווייז, ווייל עס האנדעלט זיך אין אייער אייגענע אינטערעסען.

אכטונג!
מענער-מאגאזין-שניידער!

מיר מאכען בעקאנט אונזערע שניידער מייסטער פון מענער-מאגאזין-פאך, אז לויט אונזערס אנ'אפמאך מיט דעם קאנפעקציאנערען-פערבאנד קאנסטאנטינער 10, איז בעשלאסען געווארען. אז קיין שום שניידער מייסטער פון אויבען - דערמאהנטען פאך, וועט נישט קריגען קיין ארבייט ביי די קאנפעקציאנערען אהן הסכם פון אונזער פעראיין.

דעריבער געדענקט אלע ווי איינער צו ווערען מיטגלידער ביי אונז אין שניידער-מייסטער-פעראיין 808

מיט אכטונג
די פאך-קאמיסיע פון מענער-שניידער - מייסטער - פעראיין.

די מאראלישע פליכט

פון יעדען לאדזער איינוואוינער איז צו אונטערשטיצען די לאדזער פאבריקאציע, דעריבער ניצט נור

צעטאגאל (CETAGOL)

אומזאמטער וואס צעטאגאל איז דאס בעסטע, ריינסטע און צוגלייך בילינגסטע פלאנצען-פעטס. אויף דער אויסשטעלונג פון היגיענע און עססענוואארג אין ווארשא איז צעטאגאל געווארען אויסגעצייכענט מיט א זילבערנעם מעדאל.

די פאבריק געפינט זיך אין לאדז (ניעצאלא 12, טעלעפאנען: 01-47 און 36-15) און שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון ראבינאט. 752

צעטאגאל איז צו בעקומען אין אלע קאלאניאל- און שפייז-האנדלונגען.

דער הייליגער חוב פון יעדען יוד איז צו העלפען ערציהען יודישע קינדער אלס קערפערליך און גייסטיג געזונדע ארבייטער

דער אינטערנאט אין העלענובעק

האט זיך געשטעלט דעם ציל, צו ערציהען אויף דעם אופן יודישע יתומים.

העלפט אונז וואס שנעלער אויסצופיהרען אונזער דאזיגע שווערע אויפגאבע און שפענדעט יעדער לויט זיין יכולת לטובת אונזער אינטערנאט.

נדבות נעהמט אן דאס ביורא שיענקיעוויטש נאם 3/5

פערוואלטונג
פונ'ם אינטערנאט פאר יודישע קינדער און פערמע אין העלענובעק.

817

נייו-יארק (אמעריקא).
א כתיבה וחתימה טובה

און א געזונד גליקליך יאהר
ווינשען מיר אונזערע ליבע שוועסטער יאהאננא, זוהן הייני, און שוואגער

זיגמונד גאליט

פינטשע חיינטרויב,
ירחמיאל חיינטרויב און פרוי.
לאדז, דעם 1 תשרי 5687.

אמעריקא.

א געזונד און גליקליך יאהר און א באלדיגעס ווידערזעהן ווינש איך מיין ליבען מאן פייוויש טאביאש אין אמעריקא אויך מיין ליבען שוואגער דוד מיט זיין ליבע פרוי און טאכטער אין אמעריקא
יעטקא טאביאש און קינדער
ראזא און אנעליע.

א גוט יאהר און א כתיבה וחתימה טובה

ווינש איך מיינע ליבע שוויגער-עלטערן, מיינע ליבע שוואגערס, שויגערינס און קינדער, מיינע ליבע ברודער און זייערע פרויען און בעקאנטע ווי אויך מיינע ליבע שכנים

פרוי יעטקא טאביאש
געב. קלישקאווסקא. 809

א כתיבה וחתימה טובה

און א געזונד גליקליך יאהר
ווינש איך מיינע געעהרטע געסט און פאמיליע אויך גוטע פריינד און בעקאנטע.

רעסטאראז-אינהאבער
שמואל לייב דרעסלער, לאדז
פאלודניאווא 27. 793

א כתיבה וחתימה טובה

ווינש איך מיינע געעהרטע געסט.
מיט אכטונג יאקובאוויטש
אינהאבער פון פעג. יאנאס „זדראוויע"
אין לאסק 766

לשנה טובה תכתבו.

א געזונד, גליקליך יאהר ווינשען מיר אונזערע ליבע עלטערן, קרובים פריינד און בעקאנטע
יעקב זילבערניק, רושקא הערקאוויטש.

א כתיבה וחתימה טובה

ווינשען מיר די קינדער פון
יתומים-הויז
זגערזשער 40,
ווי אויך די פערוואלטונג.
פאמיליע האושפיגעל. 844

א כתיבה וחתימה טובה

ווינש איך מיינע געעהרטע קונדשאפט צום נייעם יאהר
איזאק ברענער, זאדישא 23.

א כתיבה וחתימה טובה

און א גליקליך יאהר ווינשען מיר אונזערע עלטערן, פאמיליעס פריינד און בעקאנטע 853
מאניא רייטבערגער,
אברהם טראנארזש.

א כתיבה וחתימה טובה

ווינש איך מיינע ליבע מוטער,
פאמיליע, פריינד און בעקאנטע 854
יצחק ראזענבערג.

א כתיבה וחתימה טובה

ווינש איך מיינע ליבע עלטערן, קרובים, מיינע געעהרטע קונדען ווי אויך דעם פערלאג „נייער פאלקסבלאט". 847
עקיבא גרינבוים.

הערצליכע גליקוואונשען צום נייעם יאהר

ווינשען מיר דער פערוואלטונג, מיטגלידער פון קרייז „אונזער ביהנע" ריימאנט'ס ראיאן.
ישעי' זאלאנדוש,
שמואל פאל,
און מ. גאלדבערג 852
א גוט יאהר ווינשען מיר אויך אונזערע פריינד און בעקאנטע

בעקאנטמאכונג.

עס ווערט בעקאנט געמאכט דער בעפעלקערונג, אז דאס

שחט-הויז

אויף ווסבארניא 50

איז פון היינט אן אפען א גאנצען טאג
תחת השגחת מהראבינאט.

בעמערקונג: כדי אויסצומיידען עגמת-נפש'ער, בעט מען פאראויס אויסצוקויפען קוויטלעך אויף יו"ט. 792

אגודת צעירי ישראל

מאכט בעקאנט, אז עס ווערט געדאווענט

ימים נוראים

אין אייגענעם לאקאל קילינסקי 29

אלע חברים ווערען געבעטען צו קומען ערב יו"ט פון 3 א זייגער נאכם. ביז נאך מעריב נעגען איינטריטס-קארטען. 791

נאצ. מינדערהייטען ביים פרעמיער.

װאַרשאַ, 7 (טעלעפאָניש פון אונזער קארעספאָנדענט). נעכטען 10 אַ זייגער אינדערפרי האָט דער פרעמיער בארטעל אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון די נאציאָנאַלע מינדערהייטען פון ווילנער קאַנט.

די דעלעגאַציע איז בעשטאַנען פון דירעקטאָר פון דער ווייסרוסישער גימנאַזיע אָסטראָווסקי, פאָרזיצענדער פון יודישען צענטראַלען בילדונגס-קאָמיטעט דר. שאַבאַד און ווירגילי אין דירעקטאָר פון ליטווישער גימנאַזיע אין ווילנאַ.

דער איינדרוק וואָס די דעלעגאַציע האָט אַרויסגעטראַגען איז געווען אַזאַ, אַז פרעמיער באַרטעל איז צו איהר געווען גיכט נאָר פריינדליך. באַלד ווי די דעלעגאַציע איז אַריינגעקומען האָט דער פרעמיער געזאָגט:

וואָס זענט איהר געקומען צו מיר. די פראַגע פון שול-וועזען געהער דאָך צום בילדונגס-מיניסטער איך קען דאָך זיך נישט פאַרנעהמען מיט אַלע ענינים.

אין נאָמען פון דער דעלעגאַציע האָט געענטפערט ה' אָסטראָווסקי, אַז עס זענען שוין געשיקט-געוואָרען פיל מעמאָריאַלען. די פראַגע וועגען שול-וועזען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען איז אַ פּאָליטישע און אַן אַלגעמיין-מלוכה'שע. דעריבער האָט זיך די דעלעגאַציע געווענדעט צום פרעמיער אַלס צום ראָש פון דער מלוכה וואָס שייך די פאָדערונגען פון דער דעלעגאַציע דאַרפען די שולען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען האָבען דיזעלבע רעכט, וואָס די מלוכה-שולען. די גימנאַזיעס און סעמינאַרען זאָלען גלייכבערעכטיגט ווערען. ביז איצט האָבען די דאָזיגע גימנאַזיעס און סעמינאַרען נישט קיין רעכט. די לעהרער ווערען נישט קוואַליפיצירט. קיין סובסידיעס ווערען נישט געגעבען. דער חורבן פון ווייסרוסישען שול-וועזען איז אַזוי גרויס, אַז פון 400 ווייסרוסישע שולען זענען געבליבען נאָר 3.

די דעלעגאַציע האָט ווייטער אָנגעוויזען, אַז אויב עס זענען שוין אַמאָל אַרויסגעגעבען-געוואָרען מעהר צופרידענשטעלענדע צירקולאַרען, האָבען זיי די בעאַמטע אויסגעפיהרט מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. די בעפעלקערונג פון ווילנער קאַנט צאָהלט אַלע שטייערען און דעריבער דאַרפען פון די מלוכה-געלדער אויסגעהאַלטען-ווערען די שולען אין דער מוטער שפּראַך.

ד"ר שאַבאַד וויזט אָן אויף דעם מצב פון יודישען וועלטליכען שול-וועזען די יודישע שולען, זאָגט ד"ר שאַבאַד ליידען פיל מעהר ווי אַנדערע.

פרעמיער באַרטעל! ווילט איהר אפשר אַן אייגענע אוניווערזיטעט אויך?

ד"ר שאַבאַד! דערווייל רעדען מיר וועגען גימנאַזיעס, וועגען אוניווערזיטעט וועלען מיר ווייטער רעדען.

פרעמיער: אייך וועלען געוויס געפעלען די בעאַמטע, וואָס וועלען טון אַזוי ווי איהר ווילט.

ווירגילי: מיר ווילען נישט קיין שום טובות אָדער פריווילעגיעס. מיר פערלאַנגען נישט בעהאַנדעלט צו ווערען אַלס בירגער פון אַ צווייטער מדרגה מ'זאָל אונז טון דאָס וואָס קומט אינז.

נאָכדעם ווי דעם פרעמיער זענען אַלע פראַגען אויפגעקלעהרט געוואָרען, האָט ה' באַרטעל דערקלעהרט, אַז ער וועט וועגען די אַלע פראַגען אָבהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן בילדונגס-מיניסטער.

13-טע מלוכה-לאָטעריע.
5-טע קל. 23-טער טאָג:

וואַרשאַ, 7 (טעלעפאָניש)

150.000 זל. נ' 18500.
50.000 זל. נ' 1669.
5 000 זל. נ"נ 1130 1361 32332.
2.000 זל. נ"נ 10377 19679 51797.
1 000 זל. נ"נ 12772 33501 34473 38339 38642 51664.
600 זל. נ"נ 10770 27148 52521 52550 52576 65132.
500 זל. נ"נ 3413 14672 17871 19610 23105 31099 31854 37539 48981 51445 51488 62292.

די 150 טויזענד זלאָטעס זענען אַריינגעפאַלען קיין לאָדז, דער נומער איז פערקויפט געוואָרען ה' זשאַלמאָווסקי.

Odeon | Apollo

היינט פרעמיערע
צום ערשטען מאל אין לאָדז!

גרויסער באַטאַליסטישער פילם, געשטיצט אויף'ן גרונד פון דער מלחמה פון די פעראייניגטע שטאַטען פון 1862 א. נ.:

„די הענד
אין דער הויך"

מעכטיגע אוואַנטורישע - היסטאָרישע דראַמע אין 8 גרויסע אַקטען אין דער הויפּטראָלע דער אַמעריקאַנער

Max Linder
RAIMOND GRIFFITH.

אויסערן-פּראָגראַם:
אַ פאַרס אין 2 אַקטען.

בעמערקונג: דער פילם ווערט דעמאָנסטרירט גלייכצייטיג אין ביידע קינאָ'ס „אָדעאָן" און אין „אַפּאָללאָ".

Corso

„ZIGANO" דער אָנפיהרער פון רויבער

אין דער הויפּטראָלע
Harry Peel

סענסאַציאָנעלע אוואַנטוריסטישע דראַמע אין 18 אַקטען. 2 סעריעס מיט אַמאָל. 891

זאַל פילהאַרמאָניע נאַרוטאָוויטש 20

גאַסטראָלען פון די לאָדזער ליבלינגס-אַרטיסטען

חנה לערנער, שלמה קוטנער
דוד זיידערמאַן, מ. הילסבערג

פרייטאָג, דעם צווייטען טאָג ראש-השנה 5 נאָכמיטאָג
צו געשפּילט פון 80 ג'. ביז 2.50

גאָלד, ליבע און שאַנדע

אין 4 אַקטען פון זאַלאָטאַרעווסקי.

הויפּטראָלען פיהרען אויס: חנה לערנער איינציגע ראָלע סאָניע. שלמה קוטנער דער איבערראַשענדער אין ער ראָל בענדער. דוד זיידערמאַן אין זיין גלאַנץ ראָלע אַלבערט.

שבת, 4.30 נאָכמ. וועט געגעבען פון 80 גר. ביז 2.50

מאָדערנע דאַמען

אין 4 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון גערזאָן.

פרעמיערע! פרייטאָג און שבת, 9 אָוונד. פרעמיערע!

אַ קרבן פון אַ שוועסטער

דראַמע אין 4 אַקטען מיט געזאַנג אין פּרינץ פון י. דימוב

שלמה קוטנער דער בערימטער קאָמיקער אין דער ראָלע פון אַ 70-יעהריגען ליבהאָבער שמואליק. דוד זיידערמאַן, דער בעסטער ליבהאָבער און בעסטער זינגער טרעט אויף צום ערשטען מאָל אין אַ גרויסער כאַראַקטער-קאָמישע ראָל פון ליוביש דעם שניידער פון לאָדז. חנה לערנער, די פּאָפּולערע סוברעטע אין דער ראָלע פון אַ 60-יעהריגע ליבהאָבערין שרה מלכה פון לאָדז. מ. הילסבערג, דער בעקאַנטער אַקטיאָר אין דער ראָל פון משה דעם שוסטער פון לאָדז.

אַ קרבן פון אַ שוועסטער איז דער גרעסטער שלאַגער פון אַלע טעאַטערן. דאָס איז אַ בילד פון לאָדזער לעבען, אין אַ קרבן פון אַ שוועסטער ווערט געוויזען די שענסטע נומערן, און איהר וועט לאַכען ביז טרעהרען.

ס'נעמט אַנטייל דער לאָדזער כאָר און אָרקעסטער. מאָנטאָג גרויסע פּאָפּולערע פאָרשטעלונג. בילעטען אויף אַלע פאָרשטעלונגען שוין צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע. 848

פאָטאָגראַפירען זיך
ביליג און גוט
קען מען נאָר ביי די 864
פעראייניגטע פאָטאָגראַפיסטען
(ג. מ. ב. ה)
נאַרוטאָוויטש (פריהער דזשעלנאַ) 13 טעל. 25,00.

!! אייגענע אויסאַרבייטונג לאַנגיעהריגע גאַראַנטיע צוגענגליכסטע פּרייזען ביי רעכטס. בעדינונגען

12 עמפּפעהלט די בעקאַנטע סאָלידע פירמע:
I. M. TERKELTAUB / egz. 1863
NARUTOWICZA
w podwórzu, telefon 34-18 12

קאָמפּלעטע איינריכטונגען ווי אויך איינצעל מעבעל

מעבעל פון איינפאַכסטע ביז'ן טייערסטע אין גרויסען אויסוואַהל

קאָמוניקאַט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער אַדרעס-ביוראָ אין פערבינדונג פי איין- און אויסמעלדונג פון אַלע פּערזאָנען, וואָס זענען איינגעשריבען אין די הויזביכער טיילען מיר מיט, אַז אונזער קאַנצעלאַריע ערלעדיגט אַלע אַרבייטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער אויבענדערמאָנטער פעראָרדנונג, ערטיילט אַלערליי אָנווייזונגען און גיט אַרויס אומזיסט די פעהלענדע מעלדונגס-קאַרטען.

די פערוואַלטונג
פון II-טען הויזבעזיצער פעראיין
אין לאָדז, פּיעטריקאָווער 46.   842

Firma B. WOLLMAN SS-wie Zawadzka 12.
וויכטיג פאַר ה"ה פריזיערס און מאַניקור שיסטעס!

קאָלאָנסקע וואַסער 4.80 זל. אַ קילאָ.
בלומען-וואַסער 4.80 זל. אַ קילאָ.
וועזש-עטאַל 3.30 זל. אַ קילאָ.

פראַנצויזישען לאַקיר אויף דער וואָג. מיט אַ גאַראַנטיע פון 10,0 נור 50 גר. פאַרבען L'oreel Hennn מיר בעזיצען אויף לאַגער אַ גרויסען אויסוואַהל פערשידענע אַרטיקלען, וואָס האָט אַ שייכות מיט'ן פריזיער-פאַך. 831

Dr. med.
M. GLAZER
ul. ZIELONA Nr. 6
קראַנקען-קאָמפּלעקט ... 8-7 ... 2-12, 9.30-8 ... 589

געלעגענהייט:
איז אַ דעמבאַווע שלאָפצימער - וועגען בענוצט אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען. 824

5 מעבעל-לאַגער
זאַוואַדזקאַ 5

פאָהרענדיג אויף אַ דראָשקע האָב איך פערלוירען אַ פּאַס, מיליטער-ביכעל, פּאַטענט און דאָמאַקראָווע-ביכעל אויף דעם נאָמען חיים מינהאַוסקי, זאַכאָדניאַ 30 דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אָבצוגעבען די דאָקומענטען געגען בעלוינונג. 805

צו מיין אָבפאָהרען קיין אַמעריקאַ שענקען איך 2 יידענע פּאַלטענס פאַר 15 דאָלאַר, וועש און קליידער פאַר די 2 אָרימע כלות, די סעקרעטער פון מענדיל קציב, מאַרישינסקאַ 6. און וועל זיך בעמיהען אויך פון אַמעריקאַ צו שיקען הילף.
חוה ראָזענפעלד. 814

דער היגיענישע
פריזיער-אַנשטאַלט
פּאַמאָרסקאַ 14, פראָנט, II שטאָק.

מאַכט בעקאַנט די ג. קונדשאַפט, אַז נאָך אַ גרונטליכען רעמאָנט איז איינגעטרעטען ערשטקלאַסיגע אַרבייטער. ספּעציאַליסט פאַר אָנדולירען דאַמען-פּאָלקעס צו מעסיגע פּרייזען. 663

בעקאַנטמאַכונג.
די ערשטע קלאַסיגע קאָנדיטאָריי פון מ. שאַליט געפינט זיך
33 פּעטריקאָווער 33

ביטשריפטען-ביוראָ
י. פייל לאָדז 64
פּיעטריקאָווער
ערלעדיגט אַם בעסטען
ביטשריפטען, קלאַגען, רעקורסען, אָפּאָזיציעס, אַפּעלאַציעס
ספּעציעל: שותפות-אַקטען
איבערזעצונגען און שפּראַכען 677
פּויליש, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, איטאַליעניש, יודיש און העברעאיש אויך אַלע שריפטליכע און בוכפיהרונגס-זאַכען.

וויכטיגע נייהייט
פעלצווארען
אויף ראַטעס
מענער און דאַמען פעלצען אויך איינצעלנע פוטערלעך אין גרויסען אויסוואַהל
— — צו בעקומען ביי — —
I. SZWARCMAN
41 NARUTOWICZA 41   866
ס'ווערט אויך אָנגענומען אַלע אַרט רעפּאַראַטורען.

Dr. Michał ASZ
אינערליכע און קינדער קראַנקהייטען
Cegielniana 9   779
נעהמט אָן פון 9–10 פריה און פון 4–5 אָווענד.

מטבל

לשנה טובה תכתבו.
אַ געזונד און גליקליך יאָהר ווינשען מיר אונזערע טייערע, ליבע עלטערן, געשוויסטער, ברידער, שוואָגערס און שוועגערינס, ווי אויך אַ"ע אונזערע פריינד, בעקאַנטע און אונזערע געעהרטע קונדשאַפט
אברהם ארנער און פרוי.

אַ כתיבה וחתימה טובה
און אַ גליקליך יאָהר ווינשען מיר אונזער ה' פרינץ און פאַמיליע
צום נייעם יאָהר. 856 ראָם פּערסאָנאַל.

אַ כתיבה וחתימה טובה
ווינשען מיר אונזער געעהרטע קונדשאַפט
צום נייעם יאָהר
פירמא טאָסק
שענקעוויטש 22. 866

אַ כתיבה וחתימה טובה
ווינש איך די פערוואַלטונג פון לינת אורחים ווי אויך דעם פּרעזעס ה' ש. שמעלעוויטש
י. שוואַרצמאַן נאַרוטאָוויטש 41 898

אַ כתיבה וחתימה טובה
ווינש איך
מיין געעהרטע קונדשאַפט
צום נייעם יאָהר 898
י. שוואַרצמאַן נאַרוטאָוויטש 41.

בעקאַנטמאַכונג.
ס'ווערט בעקאַנט געמאַכט, אַז פון מוצאי שבת קודש אָן
הינט יעדען מוצאי שבת קודש זיין טעגליך — אַ מכוה
ערב יום כפור וועט זיין טעגליך אַ מכוה פאַר פרויען מיט אַ בעזונדערען איינגאַנג דורך פּולנאָצנאַ גאַס
מיט אַכטונג ל. מאַנשיין
עק וואָלבאָרסקאַ און פּולנאָצנאַ. 871

טרויריגע פאפולאריטעט

פון ב. זינגער.

אבי מיר האבען זיך געלאנגווײלט א וואך אין פוילען און געקלאגט זיך, אז אין א לאנד, וואו עס פלעגען פאלען רעגירונגען יעדע פאר וואכען און עס בריקט אויס א רעוואלוציע לכבוד דעם מארשאלעק, האט זיך פלוצים אלץ סטאביליזירט.

ווייל מען אבער נישט דא אין לאנד, אז די וועלט זאל פערגעסען וועגען פוילען, עס איז דאך נויטיג א ברייטע פראפאגאנדע פאר פוילען, ווארום היינט מארגען שטעהן פוילישע ענינים אויפ'ן סדר היום פון פעלקער-בונד. און נייע מלוכות געבען אויס א סך געלד אויף פראפאגאנדא. אין טשעכישען אויסערן-מיניסטעריום ארבייטען, למשל, צעהנדליגער מענשען, כדי צו פאפולאריזירען טשעכיען. מען שיקט צו בראשורען וועגען די רייכטימער פון לאנד, וועגען נייע איינריכטונגען, וועגען מענשליכער פאליטיק בנוגע נאציאנאלע מינדערהייטען. מען פערשפרייט ספעציעל די רעדעס פון פרעזידענט מאסאריק. ווייל פראפאגאנדא איז א גרויסע זאך ווערען אויך מיליאנען אויסגעגעבען דורך יוגאסלאוויען אויף פראפאגאנדע; די מאצעדאנישע פראגע פראבירט מען צו געווינען מיט בראשורען, ארטיקלען, ענונציאציעס וכדומה.

די פוילישע פראפאגאנדע איז געגאנגען זעהר שוואך, הגם אויך דא האט מען געמאכט גרויסע הוצאות. אפטמאל פלעגט דער פראנצויז א טעות האבען אין אדרעסירען ווארשא מיט דער אומשריפט, „רוסלאנד".

נישט איינמאל האט מען זיך בעקלאגט אין פוילען, אז די וועלט ווייסט ווייניג וועגען אונז, אז מיר זיינען אומבעקאנט, איין טייל פון פוילען פלעגט אבער בעריהמט מאכען אויף דער וועלט דעם נאמען פון פוילען, דערפיהרען דערצו, אז מען זאל רעדען וועגען אונז אין די פארלאמענטען פון פערשידענע לענדער, אז מען זאל קענען נישט נאר אונזערע פראווינצען, אבער אויך אונזער אייזענבאהן, — דאס איז געוועזען פויזען. מיר זיינען געווארען פאפולער אין אלע מקומות. „פאזנאנטשיקעס" האבען געארבייט ענערגישער ווי הונדערטער פראפאגאנדע-אמטען, מיר זיינען אריין א דאנק זייער אינטערווענץ אין דער רשימה פון ציוויליזירטע מלוכות, צוזאמען מיט רומעניען, אונגארן וכדומה.

מיר זיינען געוועזען בעריהמט, ווי יענער העלד ביי טשעכאוו, וואס האט זיך געפרעהט, אז ער איז אריין אין דער צייטונג. „מאמע איך בין בעריהמט" האט ער געשריגען מיט גדולה — „עס שטעהט אין די צייטונגען, אז מען האט מיך אבגעפיהרט א[שכור'ן אין אוטשאסטאק. מיין גאנצער נאמען איז אבגעדרוקט".

און פאזנאנטשיקעס האבען אלץ ווייטער פאפולאריזירט דאס נאמען פון פוילען. צו יעדע זיצונג פון פעלקער-בונד פלעגט צוקומען א נייער אויפטו פון די העלדען, ביז עס איז געקומען אין 1922 יאהר צו א בלוט-בלבול. דער כבוד פון ערשטען בלוט-בלבול אין פויזען געהערט נישט צו קיינעם חוץ פוילען. דער מחבר פון די שורות האט געהאט דאס „פערגניגען" צו זיין דאמאלס אויפ'ן ארט און צוזעהען, ווי פיל מיה האט געקאסט דאמאלס דער ארטיגער מאכט, דעם ריכטער. די פאליציי, דעם דאקטאר, אז די שטאדט וועגגראוויעץ זאל אריין אין דער וועלט-געשיכטע, אז דער 80-יעהריגער ענגעל זאל ווערען בייליס'עס קאנקורענט. די זאך איז פערריבען געווארען, אבער נישט איינגאנצען. ס'ליגט נאך אין געריכט די קוויטע פון יוד ענגעל. עס איז נאך נישט אנגעקומען א מורעה, אז דער פראצעס איז בטל געווארען.

האט זיך דערוועקט א קנאה ביי דער לייבליכער שוועסטער פון פויזען, אז נישט זיי האבען דעם זכות פון א בלוט-בלבול: לאנג האט געטראגען אין זיך די קנאה פאמערן און די צייט איז געקומען. איצט איז שווער צו זאגען, אז גאלוב-דאבושין וועלען נישט זיין וועלט-בעריהמט, מיר האבען שוין א קאמוניקאט, אז די אויספארשונג ווערט געפיהרט אין צוויי ריכטונגען; איינע אין דער ריכטונג פון א בלוט-בלבול, און א צווייטען קאמוניקאט האבען מיר געלייענט, אז עס איז שוין רוהיג אין שטאט — קאמוניקאטען ווי אמאל אין קיעוו, און ב"יז דאס יוסטיץ-מיניסטעריום לעגט נישט קיין אכט אויף דער דאזיגער פראפאגאנדע. דער וויצע-מיניסטער שעניצקי ווייסט נישט, מען האט איהם נישט אינפארמירט (הפנים אליין אינפארמירען זיך פאסט נישט!) פוילען ווערט בעריהמט, און פארוואס זאל טאקי דאס יוסטיץ-מיניסטעריום זיך דערמיט נישט פראינטערעסירען, און אפשטעלען די פראפאגאנדע?

וויפיל עקזאטיק פאר דער וועלט: ציגיינער, יודען, בלוט-בלבול, ציגיינער פערכאפען א שטאט אויף עטליכע שעה און די מאכט פערלירט די הענד. ווי בעריהמט וועט ווערען פוילען, ווי גרויס דארף זיך האלטען פאמערן, ווי וואויל איז דעם אויסערן-מיניסטער זאלעסקי, וואס פערמאגט אזעלכע גלענצענדע מיטהעלפער — פראפאגאנטארען.

— פוילען ווערט בעריהמט. מען דרוקט איהר ווידער אין די וועלט-בלעטער!

קויפט אויף יום-טוב
נאר ארץ-ישראל-ווין
„כרמל"
„כרמל"-ווין איז געשמאק, ריין, נאטירליך און בעסער פון די טייערסטע אויסלענדישע וויינען. 745 פאדערט אין אלע ווין-געשעפטען.

לכבוד יום-טוב!
צו די בעפארשטעהענדע ימים טובים עמפפעהל איך מיינע געעהרטע קונדשאפט א גרויסען אויסוואהל פון: פודער, טואלעט-זייפען, קעלנישע וואסער, מען-האסערן, פערפומען, ווי אויך אלע ארט קאסמעטישע ארטיקלען, צו קאנקורענץ פרייזען!
פאר ענגראסיסטען גרעסערע ראבאט!
רעיעלע בילינער, ווי אויבערעלע!
מיט אכטונג י. דרוקער, זאוואדזקא 11.

וויידען-מאנופאקטור
בערנארד דאברושינסקי'ס ערבען
לאדז, פעטריקאווער 10.
878
עמפפעהל'ט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע זיידען-ווארען צו די נידריגסטע פרייזען.

פערצאלונגען, פערזיכערונגען, מאגאזינירען

באנק-הויז ט. בונימאוויטש
דעפאזיטען-באנק
ווילנא טעלעגר.: Bunimowbank
ערלעדיגט אינקאסאס אויף ווילנא
און אלע אנדערע באנק-אפעראציעס.
008
אייגענע אייזענבאהן-באקשניצע אין צענטער פון שטאט
„Bocznica Bunimowicza, Wilno".

Dr.
Sołowiejczyk
קינדער - קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Andrzeja 4, telefon 29-85.
754

Dr. med.
H. LUBICZ
צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32.
ספעציאליסט פאר הויט, וועגעריש און מענער-שוואכע קראנקהייטען.
1839
היילונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל).
נעמט אן פון 9—11 און פון 5—8 אווענד.

Dr. L. LEWITAN
נעהמט אן אין דערהיים פון 4 ביז 6 אווענד צו קליניק-פרייזען.
נאווראט 31.

די קאנצעלאריע פון דער
7-קל. העברעאישע שולע אויפ'ן נאמען פון
„שלום-עליכם"
ביי דער געזעלשאפט פאר יודישע פאלקס-שולען און פארשול-ערציהונג אין
לאדז, פאלודניאווא 11, טעלעפאן 34-13
נעמט אן איינשרייבונגען פון שילער און שילערינס אויפ'ן יאהר 1926/27.
ביי דער שולע עקזיסטירט א מוסטערהאפטע געפיה'ס פרעבעל-אנשטאלט פאר קינדער פון 4 יאהר אן.
769
די למודים סיי אין דער שולע, ווי אויך אין דער פרעבעל שולע הויבען זיך אן דעם 15 ר. ח.
די דירעקציע.

Dr. med. M. Urbach
Pomorska 10 t. 48-89
נערוועז און אינערליכע קראנקהייטען.
נעהמט אן פון 4 ביז 6 אווענד.
אין דער לעטשניצע „וויטא"
פון 1—2 מ. און פון 7—8 אוו.

לשמוע אל הרנה ואל התפלה
זאל קאלאסעאום, זאכאדניא 53.
עס ווערט געדאווענט ראש השנה ויו"כ אין דעם פריש רעמאנטירטען זאל'
עס דאווענט דער בעריהמטער דובנער חזן ר'
בנימין קיין
מיט א גוט איינשטודירט כאר. בעקוועמע פלעצער צו זעהר ביליגע פרייזען. בילעטען-פארפערקויף טעגליך פון 9 פריה ביז 10 אווענד.
670

Potrzebna jest
Starsza Panna
i podręczna do pracowni Kapeluszy
A. Ciesielskiej
Piotrkowska 109.
797

8-io kl. GIMNAZJUM MĘSKIE
T-wa Szerzenia Oświaty wśród Żydów w Łodzi
Pomorska 48, telefon 6-64.
Początek zajęć i egzaminów wstępnych 15.IX o godz. 8-ej rano. Zapis kandydatów codziennie od godz. 9-ej rano do 2-iej popoł. Czesne zniżone; w klasach niższych 300 zł. rocznie.
828

8 קל. מערכען-גימנאזיום מיט רעגירונגס-רעכט פון
E. Jaszuńska-Zeligmanowa
Południowa 18.
איינשרייבונגען פון נייע שילערינס נעהמט אן די קאנצעלאריע פון גימנאזיום טעגליך פון 10—12 פארמיטאג און פון 5—7 נאכמיטאג. דאס שול-געלד איז רעדוצירט.
די לעקציאנען און עקזאמענס פאנגען אן דעם 15 סעפט. אין די A און B קלאס ווערען אויך אנגענומען יונגלעך. ביים גימנאזיום — א מוסטערהאפטע פרעבעל-שולע.

Dr.
Czesław Jastrzębski
צוריקגעקעהרט
נעהמט א פיעטר-קאווער 121 וו. 3 פון 4—6,
אין דער לעטשניצע זאכאדניע 27 יעדען טאג פון 3—4 מאנטאג, מיטוואך, פרייטאג פון 10—11.
832

Szkoła Muzyczna
Art. Wyzw. Pauliny Berlinowej
w ŁODZI, NARUTOWICZA 47. m. 16
איינשרייבונגען פון קאנדידאטען (קעס) נעהמט אן די שול-קאנצעלאריע טעגליך פון 11 ביז 1 מיטאג און פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.
857

בעשאנקענזמיט א סך גאלדענע מעדאלען ווי אויך מיט „גראנד-פריז"
כעמישע וועשעריי און פארבעריי
פון הערען- און דאמען גארדעראבען ווי אויך דעקאראנטען און גארדינען. עס ווערט געפארבט זיידענע שטאפען פון פערשידענע קאלירען אויף מאדערנע קאלירען. אויפ'ן פערלאנג ווערט די ארבייט אויסגעפירט אין משך פון 24 שעה. ס'ווערען אנגענומען אבאזשורען צו רייניגען. ס'ווערען ארויסגענומען פלעקער פון גארדעראבען אויפ'ן ארט
820
Jan Cebula Łódź, Piotrkowska 116
Telefon 29-75.

פעלץ-ווארען
אין זעמטליכע גאטונגען
רויה און פערטיג עמפפעהלט צו קאנקורענץ-פרייזען
850
וו. טיגער און א. אמזעל
נאוואמיעסקא 14 (הויז האנקע) אויף פיעטריק. 38 (הויז פריהער) טעל. 14-99.
בעמ.: ס'ווערען אויסגעפיהרט זעמטל. בעשט. און רעפאראטורען אונטער אייג. אויפזיכט.

דאָס פערגאַנגענע יאָהר / פון לאַזאַר קאַהאַן.

דאָס פערגאַנגענע יאָהר האָט געהערט צו די שווערסטע און טרויעריגסטע אין אונזער לעבען. עס זענען געווען מאָמענטען ווען עס האָט זיך געדוכט, אז אָט־אָט לאָזט זיך אַראָפּ דער הימעל אויף אונזערע קעפּ, דאָס לעבען עקט זיך, די וועלט געהט אונטער...

אין דער ערשטער ליניע איז דאָס געווען בנוגע דעם ווירטשאַפטליכען לעבען. דער קריזיס, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין לאַנד אין אָנהויב 1924 האָט זיך כסדר פערשטאַרקט און אין פאַריגען יאָהר דערגרייכט זיין העכסטען פונקט. מיר זענען שוין געשטאַנען ביים ראַנד פון אָפּגרונד און מיר האָבען געפיהלט, אַז אָט קומט די קאַטאַסטראָפע, אָט עפענט זיך דער תהום און עס וועט שוין מעהר קיין הילף, קיין רעטונג נישט זיין...

די פוילישע באַפעלקערונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אין איהר גרעסטער מעהרהייט אַ פויערים־עלעמענט, האָט ווי עס איז געקאָנט אַריבערטראָגען דעם שווערען ווירטשאַפטליכען קריזיס. דער שניט איז אין פאַריגען יאָהר געווען אַ גוטער און דאָס גערעטעניש אויף די פעלדער האָט פאָרט נעגעבען דעם פויער די מעגליכקייט צו לעבען און עקזיסטירען. די שטאָטישע איינוואוינער פון דער פוילישער באַפעלקערונג ווערען ווידער צוגעלאָזען צו רעגירונגס־אַמטען, צו די שטעלעס אין די זעלבסט־פערוואַלטונגען, צו די פאַבריקען, צו די באַהנען, און אַז. וו. דער קלייגער פּראָצענט פוילישע הענדלער און האַנדווערקער האָבען ווידער בעקומען געהעריגע קרעדיטען. אַפילו פאַר די פוילישע אַרבייטסלאָזע איז געוויסערמאַסען געזאָרגט געוואָרען און דאָס עלענד צווישען די אַרבייטער, וואָס דער קריזיס האָט אַרויסגעוואָרפען אויף דער גאַס, איז פיל געלינדערט געוואָרען דורך די רעגירונגס־שטיצעס און די שטאָטישע אַרבייטען.

די אמת'ע ביטערקייט, דעם גאַנצען משא פונ'ם קריזיס, די גאַנצע תוכחה פון דער שווערער צייט איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויף אונזערע קעפּ.

די יודען בילדען מיט זיך בלויז אַ שטאָטישען עלעמענט, ד. ה. סוחרים, קליינהענדלער, האַנדווערקער, אַרבייטער און אינטעליגענץ – אַלץ שיכטען, וואָס האָבען אַמשטאַרקסטען געליטען פון דעם הערשענדען קריזיס.

אַדרבה, גראַבסקי האָט מיט זיין גאַנצער פּאָליטיק געפיהרט דערצו, אַז דער אַלגעמיינער קריזיס זאָל טאַקי הויפּטזעכליך טרעפען די יודען און אַפילו די לאַסט פון שטייערען זענען אַרויפגעלעגט געוואָרען פערהעלטניסמעסיג מעהר אויף די פעראָרימטע יודישע קליינהענדלער און אויף די רואינירטע יודישע האַנדווערקער, ווי אויף די רייכע פּריצים, אָדער פערמעגליכע פויערים... און דאָס האָט טאַקע זעהר גיך געבראַכט געהעריגע רעזולטאַטען.

די יודישע גבירים זענען מיט קליינע אויסנאַהמען, אַלע פעראָרימט געוואָרען און עס האָבען זיך אין די דאָזיגע ספערען אָפּגעשפּילט האַרצרייסענדע טראַגעדיעס. די יודישע פאַבריקאַנטען זענען געצוואונגען געווען צו פערהאַמערען די טירען פון זייערע פאַבריקען און פיל פון זיי זענען געלאָפען זוכען „גליקען" אין פּאַלעסטינע, רומעניען א. אַ. וו.

די יודישע סוחרים זענען געבליבען ביי ליידיגע פּאָליצעס און אַ סך האָבען געמוזט באַנקראָטירען, אָדער זעהר טרויעריג פערענדיגען דאָס לעבען...

די יודישע קליינהענדלער האָבען דורכגעמאַכט ח־שים פון מורא'דיגער נויט, טויזענדער פון זיי האָבען אַפילו אויפגעגעסען די פרעמדע סחורות און זיך געוואָרפען אין די אָרעמס פון יאוש און פערצווייפלונג.

אַמערגסטען איז געווען דער מצב פון די יודישע האַנדווערקער, וועלכע האָבען איבערגעלעבט דאָס שרעקליכסטע עלענד און אַ גרויסער פּראָצענט פון זיי איז פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער...

און – די יודישע אַרבייטער און אינטעליגענץ – ווער האָט פאַר זיי געזאָרגט?

דאָס לעבען פון די יודען אין פּוילען איז געוואָרען אַזוי פערצווייפעלט און קאַטאַסטראָפאַל, אַז מען האָט פאַר זיך דערזעהן אַ טיפען אָבגרונד...

נאָר דאָס וועה־געשריי פון די פּוילישע יודען, וואָס האָט הילכיג אָפּגעקלונגען אויף יענער זייט ים, האָט ענדליך געפונען אַ וואַרימען עכאָ אין די הערצער פון אונזערע אַמעריקאַנער ברידער און מען איז אונז געקומען צו הילף – מען האָט די פּוילישע יודען אָפּגעראַטעוועט פון עקאָנאָמישען אונטערגאַנג...

די אַמעריקאַנער שטיצעס זענען געווען אויסגעצייכענטע איינשפּריצונגען צו ראַטעווען דאָס גוסס'דיגע פּוילישע יודענטום, אָבער בלייבען ביים לעבען און קומען צו זיך – דאָס איז געלונגען אַ דאַנק דער אָפּשוואַכונג פון קריזיס אין דער ווירטשאַפטליכער בעסערונג פון לאַנד.

די לעצטע חדשים בעמערקען מיר אין פּוילען אַ קענטיגע ענדערונג צום גוטען. די גליקליכע קאָניונקטור פאַר די פּוילישע קויהלען און אויך פאַר דער פּוילישער אינדוסטריע אויף די וועלט־מערק, די שטאַרקע האַנד פון דער נייער רעגירונג, וועלכע סאַנירט די פערהעלטנישען פון אַלע געביטען פונ'ם לעבען, די סטאַבּילידירונג פון זלאָטי, דער אַקטיווער האַנדעלס־בילאַנס פון דער מלוכה–די דאָזיגע פאַקטאָרען האָבען געבראַכט אַן אויפלעבונג אין לאַנד און אויך די יודישע ווירטשאַפטליכע לאַגע הויבט זיך אָן צו בעסערן.

דערווייל זענען פאַראַן בלויז די ערשטע סמנים פון דער ווירטשאַפטליכער אויפלעבונג אין לאַנד.

ערשט אין גאַנצען אַ פּאָר חדשים, ווי די פאַבריקען האָבען גענומען אַרבייטען, ווי דער עקספּאָרט איז געוואָרען אַ בעדייטענדער פאַקטאָר, ווי דער האַנדעל אין פערשידענע בראַנזשעס האָט אויפגעלעבט. אָבער פאַמעלען, ביסלעכווייז דרינגט אַריין די בעסערונג אויך אין אַנדערע צווייגען פון אונזער לעבען און די שטימונג ענדערט זיך ראַדיקאַל צום גוטען.

און דאָס איז דאָך דער עיקר.

דער אָפּטימיסטישער מוט, דער גוטער הומאָר און בעזונדערס דער גלויבען ביי די בירגער אין דעם מאָרגענדיגען טאָג – דאָס זענען דאָך סוף כל סוף די וויכטיגסטע פאַקטאָרען אין לעבען.

לאָמיר האָפען, אַז די דאָזיגע און אַנדערע מעהר אָביעקטיווע פאַקטאָרען, וואָס האָבען גורם געווען צו דער אויפלעבונג אין לאַנד, וועלען אין קומענדיגען יאָהר אין דער הינזיכט ווירקען מיט נאָך מעהר ערפאָלג. און לאָמיר ווינשען די אויסגעמאַטערטע און רואינירטע יודישע בירגער, אַז דאָס קומענדיגע יאָהר זאָל זיי ברענגען ברכה און הצלחה און אין נייעם בעסערן לעבען זאָלען זיי פערגעסען אַלע צרות און פּיין, אַלע מאַטעריעלע אומגליקען און פּאַטאַלישע אויפטרייסלונגען פון פערגאַנגענעם יאָהר!

די רענאָמירטע שולע פאַר קינדער פון יוד. אינטעליגענץ.

7־קלאַסיגע **שולע** פון פ. קאַצענעלזאָן נאַחומאָב נייעגאַס 6 צווישען נאָוואָמיעיסקאַ און ווסכאָדניאַ.

עס ווערען אָנגענומען אין אַלע קלאַסען אין עלטער פון 7 ביז 14 יאָהר

שילער און שילערינס.

אַ ספּעציעלער פאָרבערייטונגס־קלאַס פאַר ענטוויקעלטע 6־יעהריגע קינדער. אַ גרויסער פּראָגראַם פון העבּרעאיש און רעליגיעזע יודישע לימודים. די למודי־קודש ווערען געלערנט אונטער דער הנהלה און השגחה פון בערימטען אַלטען למדן

ר' בנימין יעקב קאַצענעלזאָן.

ביי דער שולע עקזיסטירט פאַר קינדערלעך פון 3 ביז 6 יאָהר

אַ פרעבעל־שולע / Freblówka

פּוילישע און העבּרעאישע לידער און לייכטע געשפּרעכען.

גימנאַסטיק מיט מוזיק. רהיטמישע טענץ. האַנד־אַרבייט.

אָנפאַנגס־לעהרע פון לעזען, שרייבען פּויליש און עברי (דאַווענען).

נאָכמיטאָג־שולע 50% ביליגער.

נאָכמיטאָג־פרעבעלשולע. 979

איינשרייבונגען פון ר"ח אלול טעגליך פון 11 ביז 1 און פון 5 ביז 7 אָוונד.

Dr. med.

EYCHNER Jakób

Aleja 1-go Maia 16, Tel. 11-24

אינערליכע־ און קינדער־ קראַנקהייטען. נעמט אָן פון 6–7, זונטאָג פון 3–4.

חברון און בית־לחם. / פון ד"ר א. גינזבורג.

חברון!

חברון איז מיר אַ בעקאַנטע שטעטעל. איך קען איהר נאָך פון קינדהייט אָן. איך האָב זיך מיט איהר בעקאַנט ווען איך בין אַלט געווען אפשר פינף יאָהר. איך האָב זיך מיט איהר בעקאַנט פון „חומש"...

אין זיין וואַנדערען איז דער זיידע אברהם אַהין פערפאָהרען – שוין דער זיידע אברהם איז געווען אַ וואַנדערער...

ער, דער זיידע אברהם, האָט דאָרט פערבראַכט אַ היבשע ביסעל יאָהרען, אָבער אַ „פרעמדער" איז ער אַלץ געבליבען. ער איז געווען אַ „תושב", אָבער אַ „גר"...

איז ביי איהם דאָרטען געשטאָרבען זיין ווייב שרה. האָט ער איהר געדאַרפט ברענגען צו דער קבורה. האָט ער נישט געהאַט קיין לאַנד. קיין שטיקעל „ק־קע", ווי מען רופט עס אויפ'ן בית־עולם לשון.

איז ער געגאַנגען צו די באַלעבאַטים פון חברון און האָט פערפירט מיט זיי אַ שמועס וועגען אַ שטיקעל לאַנד מקבר צו זיין די באָבע שרה'ן.

די גאַנצע מעשה און דער שמועס איז בעשריבען אין חומש, בעשריבען מיט אַלע איינצעלהייטען און אַזוי רעאַליסטיש, אַז די בעשרייבונג איז נאָך ביז היינטיגען טאָג כאַראַקטעריסטיש. אויף אַזאַ אופן ווערען נאָך ביז היינטיגען טאָג געפיהרט מסחרים אין די היגע געגענדען. אַ קניה פאַנגט זיך אָן מיט קניעניש און בוקעניש, דער פערקויפער וויל קיין געלד נישט. ער וויל קיין זאַך נישט. עס איז פאַר איהם אַ גרויסער כבוד, וואָס מען איז געקומען ביי איהם בעטען אַ טובה. ער וועט אַלץ אוועקגעבען אומזיסט. פאַר אַ פריינד וועט ער אַלץ טון, אויסלאָזען לאָזט זיך אויס, אַז מען בערייסט דעם קונד אוי'ן שרעקליכסטען אופן.

– וואָס טויג אונז די רייד? איך גיב דאָס געלד, נעהם עס, און איך וועל מקבר זיין מיין טויטען.

האָט עפרון געענטפערט:

– הער צו, מיין האַר, אַ שטיקעל לאַנד, וואָס איז ווערט פיער הונדערט זילבערנע שקלים איז אַ קלייניגקייט צווישען אַזעלכע פריינד ווי איך און דו. זיי מקבר דעם טויטען.

האָט אברהם געהערט, וואָס עפרון האָט געזאָגט און האָט איהם אָפּגעוואויגען דאָס זילבער, פיער הונדערט זילבערנע שקלים פון די בעסטע...

אָנגעפאַנגען האָט זיך דער עסק מיט אַ מתנה און געענדיקט האָט ער זיך מיט פיער הונדערט שקל פון די בעסטע.. אַ מורא'דיגע סומע פאַר יענער צייט!

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש, ווי מסחרים ווערען געפיהרט אין יענע געגענדען.

און איצטער, אַז איך בין אין ארץ־ישראל, האָב איך בעשלאָסען, אַז איך גיי זעהן חברון און פאַר איין גאַנג בעטראַכטען דאָס שטיקעל לאַנד, וואָס דער זיידע אברהם האָט איינגעהאַנדעלט.

דער וועג פון ירושלים קיין חברון איז נישט קיין שלעכטער. איך האָב געדונגען אַ גוטען אויטאָמאָביל. וואָס האָט געדעקט די שטרעקע אין אַ גאַנץ קורצער צייט.

אויפ'ן וועג קיין חברון האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי „רחל'ס קבר".

אַ ביסעל ווייטער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין „בית לחם". און בין אַריין אין דער בעריהמטער „שטאַל" וואו עס איז געבוירען יעזוס.

אויף דעם אָרט פון דער שטאַל שטעהט איצטער אַ קירכע. און די קירכע איז איינגעטיילט אין צווייען: אויף איין זייט דאַווענען די „אַרמענער" און אויף דער צווייטער זייט דאַווענען די קאַטאָליקען. דאָס איז געמאַכט געוואָרען אַ פשרה, ווייל ביידע צדדים פלעגען זיך שטאַרק רייסען צוליב דער ירושה: ביידע האָבען גע'טענה'ט, אַז „כולו שלי". נאָך איצטער קומען פאָר רייסערייען און געשלעגערייען צווישען די ביידע סעקטען טאַקע אין דער שטאַל גופא... די אַנהענגער פון דער „רעליגיאָן פון ליבע" האָבען אָפט ליב אַרויסצוצייגען זייער ליבע מיט קולאַקעס...

בעטראַכט בית לחם און די אַלע „הייליגע" מקומות און בין ווייטער געפאָהרען. ענדליך בין איך אין חברון.

פערשטעהט זיך, אַז די ערשטע זאַך בין איך געגאַנגען זעהן די מערת־המכפלה", די טאָפּעלטע הייל, וואו עס ליגט די באָבע שרה אין די איבעריגע באָבעס. און פערשטייט זיך ווייטער, אַז מען האָט מיך, דעם „אונגלויביגען" (אַלע נישט־מאַכמעדאַנער זענען „אונגלויביגע") נישט אַריינגעלאָזען. אמת טאַקע, דער זיידע אברהם האָט דערפאַר בעצאָהלט מיט גוט געלד, אָבער איצטער באַלאַנגט עס צו די אַראַבער... די אַראַבער גלויבען בכלל נישט אין פערקויפען לאַנד אויף אייביג... זיי נעמען דאָס געלד און ווילען דאָס לאַנד אויך.

איצטער איז „מערת־המכפלה" אַ קוואַל פון פרנסה פאַר עטליכע אַראַבישע בטלנים, וואָס בעפאַלען אייך ווי בינען און בעטען „באַקשיש"... באַקשיש, דאָס איז אַ וואָרט, וואָס לאָזט זיך כמעט נישט איבערזעצען אין אַן אַנדער שפּראַך. עס מיינט נדבה, מתנה און אַמאָל אויך כאַבאַר. דערפאַר לאָזט מען אייך, אויב איהר זענט אַ יוד, אַרויפגעהן זיבען טרעפּ און אַריינקוקען עפּעס אין אַן עפענונג, וואָס איז חושך־פינסטער און איהר זעהט קיין זאַך נישט. אויב איהר זענט אַ קריסט, קענט איהר געהן מיט עטליכע טרעפּ העכער, און אויב איהר זענט אַ מאַכמעדאַנער, קענט איהר געהן נאָך העכער, אָבער אין דער הייל אַליין קען קיינער נישט אַריין, אַ חוץ אפשר די העכסטע מאַכמעדאַנישע גייסטליכע. פרומע, גלויביגע יודען שרייבען אויף זייערע תפלות אויף שטיקלעך פּאַפּיר און דערלאַנגען עס דעם מאַכמעדאַנישען שמש, וואָס שטעהט ביים זיבענטען טרעפּ. פאַר אַ פּאָר פּיאַסטער שפּאַרט ער אַריין דאָס שטיקעל פּאַפּיר מיט דער אויפגעשריבענער בקשה אין דער אויבענדערמאַנטער עפענונג. דער שמש, וועלכער האָט אויך ביי מיר געוואָלט אַרויסקריגען אַ פּאָר פּיאַסטער, האָט פון דאָרט אַרויסגעצויגען אַ שטיקעל פּאַפּיר געשריבען אויף העברעאיש און האָט עס מיר געגעבען צו לייענען. איך האָב דורכגעלייענט.

אַ יוד האָט מתפלל געווען אויף פרנסה...

די הייל האָב איך נישט געזעהן – אָבער איך בין אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצען פּלאַץ, וואו די הייל זאָל זיך געפינען. איך האָב עס בעטראַכט פון אַלע זייטען:

ניין, קיין פיר הונדערט שקלים איז עס נישט ווערט געווען. מען האָט דעם אָרימען זיידען אברהם זעהר שטאַרק בעריסען...

אויפ'ן וועג צוריק האָב איך בעטראַכט די „סלאָבאָדקער ישיבה", וואָס בויט זיך אין חברון.

פון אברהם'ן ביז דער סלאָבאָדקער ישיבה, אַ געוואַלדיגער מהלך, אַ שרעקליכער מהלך און – צי האָט זיך עס געלוינט? ווער דאַרף דאָ די סלאָבאָדקער ישיבה? וואָלט נישט געווען בעסער, אַז זי זאָל בלייבען אין סלאָבאָדקע?

איין שטיקעל נחת־רוח האָב איך יאָ געהאַט אין חברון. אויפ'ן וועג צוריק האָט מיך מיין אויטאָמאָביל צוגעפיהרט צום „אשל־אברהם", צו אברהם'ס בוים, אונטער דעם זעלבען בוים, וואו ער האָט די דריי מלאכים געגעבען עסען און ווי רש"י זאָגט, יעדען מלאך אַ גאַנצען צונג...

ער איז אַלט, דער בוים, אין מאַנכע פון זיינע גרויסע צווייגען זענען שוין טויט און פערטריקענט. די וואָרצלען זיינע זענען בעשיצט און אונטערגעשטיצט מיט צעמענט. מען זוכט מיט קינסטליכע מיטלען צו פערלענגערן זיין לעבען.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט דערביי און אונטער דעם שאָטען פון אַ דרייאיגען בוים האָב איך געגעסען מיין מיטאָג. נישט קיין צונג האָב איך געגעסען, ווי עס האָבען אין אַן אַנדער הייסען טאָג, לאַנג צוריק, געטון די „מלאכים". איך האָב געגעסען אַ פּאָר פּוטערברויטלעך פון קעז און פערטרונקען מיט אַ גלאָז ביער, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך.

עס איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל מיך מכניס אורח זיין...

אברהם, דער מכניס אורח, איז דאָרטען נישט געווען!

Dr. Prybulski

זאַוואַדזקאַ 1, טעל. 25-38.

ווענערישע־ און האָר־ הויט ־ קראַנקה. מענער־שוואַכע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־ליכט (האָר־אויספאַל), רענטגען־שטראַלן. נעמט אָן 9–1, 4–8 אָוו., דאַמען: 4–5

דער יודישער שרייבער

פון ד"ר א. קאראלניק

אט אזוי צוביסלעכווייז, אט אזוי אומגעריכט, אומבעמערקט – און אומגעוואלט, גאר און גארנישט געוואלט – ווערען מיר עלטער.

ערשט נעכטען – חלומות און האפענונגען און ערוואַרטונגען און התלהבות'דיג און באלד כמעט, כמעט א קלאסיגער, איינער פון די, וואס מען הערט שוין אוים מיט יראת הכבוד.

ביי זיך אליין, פאר זיך אליין נאך אלץ א פראגע און א רעטעניש, און פאר אנדערע שוין א פאקט, א פירמע, אנ' אינסטיטוציע.

איך אליין וויל גאר קיינמאל זיך נישט דערמאנען, ווי לאנג איך שרייב שוין. און ווען איך הער פון אנ'אנדערן, א פריינד א שרייבער, וואס איז מיר נאהענט, אז ער איז שוין א יובילאר, אז מען „יום-טוב'ט" איהם שוין, מען שעצט איהם אפ, מען רעכענט זיך אפ מיט איהם, מען ציהט איהם אונטער סך-הכל'ס, ווילט זיך מיט איהם זאגען, ווי ושתי המלכה אין אנ'אלטען יודישען פורים-שפיל:

אך ברודער שרייבער, אך ברודער שרייבער,
טאמער וועל איך קאנען א דריי דריטלעך
נאכטרעטען ?

איך ווייס נישט אקוראט, וואס ושתי האט געוואלט זאגען, אבער די ווערטער אליין האבען פערכאפט מיין אויער. „ברידער-שרייבער", ברידער פון דער מלכה, וואס מוז זיך תמיד ווייזען אין איהר שעהנקייט, זיך ווייזען פאר דער וועלט ווי זי איז. און זי ווערט זיך. און זי מוז. דער איינציגער בערוף אין דער וועלט, וואס פערלאנגט קרבנות. שטענדיג, טאג איין, טאג אויס. דעם העכסטען קרבן, וואס א מענש קאן ברענגען, דעם קרבן פון דעם אינטעלעקט, פון דעם דענקען, שטרעבען, פון דעם גאנצען איך.

בפרט דער שרייבער, וואס שרייבט נישט איבער זיך אליין. און נאכמעהר דער וואס פיהלט און ווייסט, אז אויף איהם ליגט א חוב.

מיר דאכט זיך, אז ער איז כמעט אין דער גאנצער וועלט נישט פערהאן אזא ארט שרייבען, ווי ביי יודען. און איך גלויב, אז פון אלע „ברידער-שרייבער" פון דער גאנצער וועלט איז דער יודישער שרייבער דער איינציגער, וואס האט א מיסיע און א פליכט. דער איינציגער, וואס טראגט דעם יאך.

דער שרייבער ווען ער איז א כוואליע,
איז דער אקעאן איז...

מיר האבען געהערט די ווערטער פון א פאעט. און ער האט אריינגעשטעלט אין דעם בילד – רוסלאנד. רוסלאנד – דער אקעאן, דער שרייבער – די כוואליע. אנדערע האבען אנדערש אויסגעפיהלט דעם בילד. דייטשלאנד פראנקרייך, איטאליע – תמיד אנ'אקעאן און א כוואליע. תמיד א פאלק, א קולטור, א סביבה, א לאנד, א לעבען וואס געהט זיך זיין וועג, וואקסט, נעהמט אן פערשידענע פארמען – און איהם נאך דער שרייבער, וואס שניידט די סילועטען. וואס דריקט אויס. דאס צעשוואומענע אין א פארמעל, וואס גיט דעם כאאטישען א געשטאלט.

אבער דארט, וואו די כוואליע שטעהט אליין? דארט, וואו זי אליין איז אי א כוואליע, אי אנ'אקעאן? א פיזישער פאראדאקס, אבער א היסטארישער פאקט. און ער הייסט: דער יודישער שרייבער.

ווער דארף איהם? ווער דארף אונז אלע האבען, אט אונז אלע, וואס זיצען אין אמעריקא, אין ווילנא, ווארשא, אדער לאנדאן, אדער גאט ווייסט וואו – זיצען און שרייבען, שרייבען?

דאס פאלק? וואס פאר א פאלק? עס איז דא א יודישער לעזער – מען זאגט אזוי. זעהר ווייניגע פון אונז האבען איהם געזעהן, אבער מען זאגט, אז ער איז ערגעץ פערהאן. אבער לעזער איז נאך נישט אלצדינג. א שרייבער שרייבט גאר ניט פאר דעם לעזער. ער שרייבט נישט פאר דעם קאנקרעטען מענשען, וואס קויפט דאס מיט אותיות בעדעקטע שטיקעל פאפיר און לייענט. ער שרייבט פאר די מחנות, וואס לייענען נים, וואס וועלען קיינמאל איהם ניט לייענען; פאר די, וואס שטעהען אין דעם שאטען: פאר די נאך אומגעבוירענע.

דער לעזער איז בלויז א פאנא-ראף אדער אנ'עכא. קאן עס דער יודישער שרייבער ערווארטען, קאן ער האפען דערויף? א טויבע וואנט איז אונזער סביבה, א שטיינערנע: וואו מען זאגט דאס ווארט, דארט בלייבט עס און דער גרייכט ניט ווייטער און דערוועקט קיינעם נים: דערגעהט אין ערגעץ ניט-ניט אין דער הויך, ניט אין דער טיף.

אי' אהן א המשך.

ביי אלע אנדערע פעלקער, אין אלע אנדערע ליטעראטורען א פאקעל-טאנץ, איינער דעם אנדערען גיט איבער דעם פאקעל.

וועמעס אייניקעל איז דער יודישער שרייבער? פון וועמען האט ער גע'ירש'ענט? פון דעם ראש-ישיבה? פון דעם גאון, פון דעם רעליגיעזען עקסטאטיקער אדער דעם שאלות-ותשובות שרייבער? און וועמען גיט ער ווייטער איבער דעם ברען און דעם ווילען און דאס ווארט?

פאר איהם-מדבר, נאך איהם-ווידער מדבר.

און אינמיטען, צווישען צוויי ניינ'ס א „יא": צווישען צוויי מדבריות – אנ' אאזיס.

און פונדעסטוועגען, איז דער גורל פון דעם יודישען שרייבער דער טראגישעהנסטער, ווייל דער איינציגארטיגסטער אין דעם גאנצען שרייבער-צער, טאקע ווייל אזוי טראגיש, טאקע ווייל אפשר אהן א צוקונפט. זיין דער ערשטער, זיין דער לעצטער, עפענען און פערשליסען: זיין דער וועכטער ב דעם טויער פון א סאלקסלעבען – אזא אויפגאבע האט נים היינטיגע צייטען קיין שום אנדער שרייבער, נאר דער יודישער. און דאס אליין גיט איהם חשק צו לעבען און צו ארבייטען. דאס אליין גיט איהם מוט און אינהאלט. פ"י העט אדער שפעטער וועט זי מוזען קומען, די פשרה צווישען דעם אידעאלען און רעאלען אין דעם יודישען לעבען. און ווען זי וועט קומען. ווען די יודישע קולטור וועט ארויסגעהן פון איהר איצטיגען מצב, ווען די וועגען וועלען ווערען קלאר און דייטליך, ווען אונזער עפאכע וועט שוין זיין געשיכטע. אדער אפשר פ"לעאנטאלאגיע–דעמאלט ערשט וועט מען ביי יודען פערשטעהן און אפשאצען די ארביט, וואס דער יודישער שרייבער פון אונזער דור האט אפגעטו.

זאנגוויל און הערצל.

פון וו. לאצקי-בערטאלדי

די בעלי-חלומות זענען אין דער אמת'ן רעאליסטען, מענשען ערנסטע, וואס גלויבען אין דער ממשות'דיגקייט, פראקטישקייט, דורכפיהרבארקייט פון זייערע טרוימען.

אט אזעלכע ערנסטע בעלי-חלומות זענען געווען ביי אונז: אוריאל ד'אקאסטא, וואס האט געמיינט פערבייטען אלע עקזיסטירענדע רעליגיעס מיט זייערע פאלשע אמונות דורך אנ'איינהייטליכע נאטור-רעליגיע, וואס זאל זיין אויפגעבויט אויף די יסודות פון קלארען וויסענשאפטליכען פערשטאנד און ריינעם געוויסען; ברוך שפינאזא וואס האט געפרובט פעראייניגען די וועלט און יענע וועלט, גאט און נאטור, עגאאיזם און יושר-געפיהל און האט אין זיין חדר-מיוחד, פון זיין שטיבעלע, וואו ער האט צוליב חיונה קו"-גלעזער געשליפען, פערטראכט אין זיין צייט א רעוואלוציע פון דער גאנצער אייראפעאישער וועלט-אנשויאונג; טרוימער זענען געווען לאסאל און מארקס, וואס האבען געוואלט מאכען א סוף צו אלע ריידערישען וועגען שלום, וועגען יושר, וועגען ליבע צו דער מענשהייט און געפרובט מאביליזירען אלע כוחות אויף צו בעגרינדען דאס מלכות שמים אויף דער ערד טאקע אויף דער אמת'ן.

אזא מין טרוימער איז אויך הערצל, וואס האט מסירת נפש'דיג געשטרעבט און געהאפט, אז עס וועט זיך איהם איינגעבען צונויפקלייבען אלע צעזייטע און צושפרייטע יודען אויף איין ארט און אזוי ארום ברענגען אונז די גאולה.

זיי זענען אלע געווען בעלי-חלומות אבער אליין האבען זיי זיך געהאלטען פאר פראקטישע מענשען און זייערע צילען פאר די איינציגע דערגרייכבארע נאטירליכע און דערלאזבארע, וואס אין דער צוקונפט – געוויינטליך איז ביי זיי די צוקונפט געווען א נאהענטע, זעהר א נאהענטע – האבען זיי געמוזט מקוים ווערען.

זאנגוויל איז געווען דער עסטעט צווישען אט די טרוימער. דער קינסטלערישער צוקוקער, וואס האט פערשטאנען זיך אריינצופיהלען, אריינצולעבען אין זייערע גרויסע נשמות. ער פלעגט דערגיין אזוי ווייט און אזוי טיף אין זיינע קינסטלערישע רעפראדוקציעס פון אונזערע גרויסע מענשען, אז ער האט זיך אינגאנצען בעהעפט צו זיי מיט זיינע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס און עס האט זיך איהם אליין געקענט אויסדוכטען, אז אט אט, און די מחיצה צווישען איהם און זיי ווערט נעלם און ער ווערט אליין שוין מגולגל אין א בעל-חלומות פון יודישען געטא.

דאס איז אבער געווען זאנגווילס אילוזיע, זיין טעות.

כדי צו ווערען אנ'אמת'ער געטא-טרוימער איז ער געווען צו ווייניג ערנסט און צופיל עסטעט.

דאס בעוואוסטזיין פון זיין קינסטלערישקייט האט איהם קיינמאל נישט פערלאזט; איבער א קינסטלערישער שאפונג, איבער א ווארט. א וויץ האט ער געקאנט איבערלאזען אויף הפקר יעדע ממשות'דיגע פראקטישע אנשטרענגונג אויף צו דערגרייכען זיינע אייגענע גע'חלום'טע צילען.

און וואס איז קינסטלערישקייט, אויב נישט אזא מין נשמה-קוק אויף דער וועלט, וואס איז זי סוף כל סוף מבטל גאר אין גאנצען און מאכט פון איהר א בילדעל.

⁝

אונזערע אמת'ע בעלי חלומות האבען געגלויבט, אז זיי טראכטען, פיהלען און טוען אויף דער וואר.

זאנגוויל האט געוואוסט, אז זיי זענען געטא-טרוימער געווען און אז ער אליין האט זיך אנגענומען פון זיי מיט חלומות...

דער עסטעט פון אונזערע געטא-טרוימער, דער קינסטלער צווישען זיי, האט אליין קיין געטא-טרוימער נישט געקאנט ווערען.

נאר א חוץ דער עסטעטיק, א חוץ דער קינסטלערישקייט, וואס שוואכט אפ דעם פראקטישען רצון, איז אין זאנגווילס נשמה געווען נאך אנ'אנדערע מניעה, וואס האט איהם נישט דערלאזט ווערען אנ'אמת'ער געטא-טרוימער.

פונ'ם יודישען געטא האט זאנגוויל אריבערגענומען אויך די יודישע נטיה צו ספקות, דעם געניאלען יודישען לאך און וויץ.

זאנגווילס יודישע געטא-פקחות האט איהם געשטערט צו ווערען דער אמת'ער גלויביגער טרוימער.

אויב הערצל וואלט אזוי גוט געקאנט יודען ווי זאנגוויל וואלט ער קיין הערצל נישט געווארען... און טאקע צוליב דעם איז אויך פון זאנגוויל קיין הערצל נישט ארויסגעקומען..

א ווילע האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ער וועט איהם ירש'ענען – בעת דער פאליטישער ציוניזם איז אריין אין א קריזיס און די אלטע חובבי-ציון האבען ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ – אט די קליינע מענשעלעך מיט די קליינע השגות. וואס האבען געוואלט צעטרענצלען הערצל'ס אידעאל וועגען קבוץ גליות און וועגען א פרייער אלוועלטליך אנערקענטער יודישער מדינה – האט זאנגוויל זיך אנידערגעשטעלט און זיך פראקלאמירט אלס יורש פון זיין בעל חלומות הערצל און אלס פערווירקליכער פון זיין יודישען חלום.

ער האט בעשאפען די יודישע טעריטאריאליסטישע ארגאניזאציע און געפרובט זוכען פאר יודען א לאנד, ווערען דער גואל פון יודישען פאלק.

ער האט נאכגעגעבען דער תאוה פון ממשות'דיגקייט, דער בענקשאפט צו ווירקליכקייט, וואס בעפאלט ציטענווייז עסטעטען און קינסטלער, ווען עס דערעסט שטענדיג זיין צוגעשמידט צום בילד פון דער וועלט, און עס האט זיך איהם פערגלוסט עפעס אויסטון ממשות'דיגס, וואס זאל האבען אין זיך מאטעריעלישקייט, ארגאנישקייט פון פלייש און בלוט.

נאר שוין ביי די ערשטע מניעות האט זאנגוויל ארגאניזאטן די הענד: דער עסטעט און דער סקעפטיקער אין איהם זענען געווען אפילו שטארקער און ער האט זיך אין מיט'ן ארבייט פערנומען מיט שרייבען דראמעס און נאוועלען...

די אמת'ע בעלי-חלומות שטארבען פריהער פון זייערע ווערק.

זאנגוויל האט זיין טעריטאריאליסטישע ארגאניזאציע אריבערגעלעבט, און דער „יורש פון הערצל" האט די ירושה פון פאליטישען ציוניזם עסטעטיזירט...

ער איז פערבליבען דער קינסטלער צווישען אונזערע טרוימער..

דער נייער קורס אין בעלגיען.

(ספעציעל צום נייעם פאלקסבלאט).

פון א. דארף.

די בעלגישע רעגירונג האט זיך, ווייזט אויס, מתקנא געווען אין איהרע שכינות'דיגע לענדער. און מיט אלע מיטלען וויל זי זיך דערשטיפען אין אויבען-אן כדי צו פערנעמען א בכבוד'ן פלאץ אויף דער גרויסער וועלט-ארענע.

אוועק זענען די צייטען ווען די רעגירונג האט זיך גערעכענט מיט'ן ווארט פון פאלק – אז בעלגיען, מוז אומבעדינגט זיך רעכענען מיט איהרע מעגליכקייטען. 7 $\frac{1}{2}$ מיליאניגער בעפעלקערונג קען זיך באין אופן נישט פערגלייכען צו א פראנקרייך אדער דייטשלאנד. דא אין בעלגיען, זענען פערהאנען צוויי פעלקער – וואלאנער און פלעמער, צוויי פעלקער, צוויי קולטורען, מיט צוויי בעזונדערע שפראכען. און דאך איז איהר אוממעגליך אהן דער מיטהילף פון יורען צו קענען זיך ענטוויקלען.

און ווען די בעלגישע רעגירונג האט אין אנהויב פון דער וועלט-מלחמה אויסגעוויזען די „פרעמדע" – האט די רעגירונג באלד איינגעזעהן, וואס פאר א קאטאסטראפע איהר שטעהט פאר. זי האט עס אבער בעצייטענס פערהיטען.

און איצט ווען די לאגע האט זיך אנגעהויבען צו נארמאליזירען, אלץ געפינט זיך שוין אויפ'ן בעשטימטען פלאץ, אלץ פונקציאנירט – פערגלוסט זיך דער בעלגישער רעגירונג צו ווערען פאפולער אין דער היגזיכט, ווי עס טון אנדערע מלוכות.

מיר וועלען צוגעהן צו די געשעהענישען פון דער לעצטער צייט, בפרט פון די לעצטע פאר וואכען:

ווי בעקאנט, איז אין דער לעצטער צייט פארגעקומען א געוואלדיגער קריזיס אויפ'ן בעלגישען געלד-מארק. דער פראנק האט פון שעה צו שעה געפאלען און געפאלען, אין אפגרונד, און די בעלגישע רעגירונג, נישט קענענדיג זיך העלפען, האט געפרובט מי'ט דער הילף פון א סאציאליסטישע רעגירונג איבערצונעמען די מאכט. און אין משך פון א קירצע צייט אויסצוגעפינען די סבות פון דעם קריזיס.

דאס האט זיך דער מאכט „איינגעגעבען"; מ'האט „אויסגעפינען" די סבות – „יורען זענען די שולדיגע"...

האט די רעגירונג געמאכט אנ'אבלאווע (הגם אין אנטווערפען איז די מעטאדע איינגאנצען אונבעקאנט געווען ביז דער לעצטער צייט) ארעסטירט 90 פראצ. נעבעך גאט די נשמה שולדיגע מענשען. און אמת טאקי, מ'האט א סך פון זיי בעפרייט, אבער דריי אנטווערפענער יודען האט מען געהאלטען אלס „זאקלאדניקעס" ביז די מכה וועט זיך אויסהיילען...

די אנגעזעהענע בעלגישע פרעסע, איז דעמאלט ארויס מיט א יובעל פון נצחון: „מ'האט ענדליך אויסגעפינען די שולדיגע".

אונטער אזעלכע קעפ זענען אפגעדרוקט געווארען פלאם-פייערדיגע ארטיקלען. די שמחה אבער איז געווען א פריהצייטיגע. עס האט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז נישט יודען אליין זענען שולדיג, און ווען מ'האט די יודען בעפרייט, וואס די זעלבע פרעסע האט כמעט ווי נישט דערמאנט – איז ווידער שטיל געווארען, און געמיינט האט מען, אז אלץ וועט שוין געהן כשורה.

ערשט פלוצים: 36 יודישע דימענט-שלייפער בעקומען אויסווייזען דערפאר וואס... א קאץ איז געפלויגען איבער'ן דאך.

און דוקא האבען אזעלכע דימענט-שלייפער בעקומען אויסווייזען, וואס וואוינען שוין דא, אין בעלגיען, עטליכע צענדליגער יאהר, דוקא אזעלכע, וואס האבען זעהר פיל נוצען געבראכט פאר דעם אויפבלי פון די דימענט-אינדוסטרי.

די ידיעה האט זעלבסטפערשטענדליך ארויסגערופען א געוואלדיגע פערביטערונג ביי דער יודישער בעפעלקערונג בכלל און ביי דימענט-סוחרים פון אנטווערפען בפרט.

די שתדלנות האבען לעת עתה נישט געבראכט קיין געוואונשענע רעזולטאטען. די אויסגעוויזענע מוזען פערלאזען דאס לאנד.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם, האבען די אנטווערפענער דימענט-סוחרים אפגעהאלטען א פערזאמלונג, און ווי סטראגען זיך ארום קלאנגען פון קאמפעטענטע קוועלען, איז בעשלאסען געווארען אריבער צו טראגען די גאנצע דימענט-אינדוסטריע, קיין האלאנד, ווי אמאל – אין אנהויב פון די מלחמה-יאהרען.

ביי די דימענט-ארבייטער איז די לאגע געווארען א פערביטערטע. עס איז געשטעלט געווארען אין סכנה זייערע

(ענדע 12-טע זייט).

לאָדז, 8. סעפּטעמב. 1926

נייער פאָלקסבלאַט

לאָדז, 8. סעפּטעמב. 1926

ראש-השנה אין אַן אַרגענטינער פעלד

פון מרדכי אַלפּערסאָן

אין דרייסן זענען מיר צום מנין געגאַנגען.

ביינאַכט האָט אַ רעגענדעל געטריפּעט, קליינינקע קאַלוזשעלעך וואַסער זענען אויפ'ן וועג געשטאַנען. דאָס פעלד באַגאָסען מיט גאָלד פון דער אויפגעהענדער זון האָט געבלענדעט אין די אויגען. פון ביידע זייטען שליאַך האָבען זיך גרינע פעלדער פערוויילט מיט אַלערליי תבואות געצויגען, און די טראָפּענס וואַסער פון ביינאַכטיגען רעגענדעל אויף די תבואה-קעפּלעך האָבען געפּערלט מיט שימער און גלאַנץ, אַז ס'האָט פערכאַפּט דאָס אויג.

דער פעטער שלמה מיט זיינע פעטע מיט פּוסע-אויסגעשמירטע שטיוועל — לכבוד ראש השנה — איז פאָראויס געגאַנגען; זיין גרויליכע צוקעמטע באָרד, די ווייסע פּאַטשיילע אַרום זיין האַלז, האָבען זיך פונ'ם לייכטען גלעטענדען מאָרגען-ווינטעל ריטמיש בעוועגט. זיין הויכע ברייטע פיגור מיט'ן גרויסען קאָפּ און פרעהליכען פנים האָט זיך אין די קאַלוזשעס וואַסער אָפּגעשפּיגעלט. מיט פעסטע טריט האָט ער געשפּאַנט, און ווי מיט גאווה אויף די ברייטע תבואה-פעלדער געקוקט.

די מוהמע דבורה, מיט אַ ווייס זיידען טיכעל אויפ'ן קאָפּ, מיט'ן אַלטען גרויסען מחזור אָנגעשטופּט מיט תחינות אונטער'ן אָרעם איז בנעימות מיט אַ שטילער פרומקייט אַ פערטראַכטע נאָכגעגאַנגען.

די פרישע געזונדע לופט, דער „ריח שדה" האָט ווי מיט פערפומען געשמעקט, איך האָב זיך געפיהלט אַזוי גוט, אַזוי אויפגעלעגט, אַז איך האָב זיך כמעט ווי נישט ווילענדיג צעזונגען אויפ'ן קול.

– געפעלט דיר דאָס פעלד? – שטאָטישער געצעל פיזיק – זאָגט דער פעטער און צולאַכט זיך אין דער ברייט.

– שליאָמע! – גיט די מוהמע דבורה אַ זאָג ווי ברוגז'לעך – ס'איז היינט ראש השנה!

– און אַז ראש השנה איז וואָס דבורה?

– ראש השנה לאַכט מען נישט, ס'איז נישט אַ טאָג פון לאַכען, חוזק'ן...

– פאַרוואָס זאָלען מיר נישט לאַכען? מיר האָבען דען, חלילה, עמיצען שלעכטס געטון, בע'גזל'ט, בעראַבעוועט? צי אפשר האָסטו, דבורה'לע עפּעס געזינדיגט, האַ?! – און ער צעלאַכט זיך אויפ'ן קול.

– געזינדיגט, געזינדיגט, – ענטפערט די מוהמע ווי מיט מורא – די תחינה זאָגט, אַז יעדער מענש איז פול מיט זינד. און ווי די שעפעלעך פאַר'ן פאַסטוך, אַזוי גייען אַלע מענשען היינט דורך, ס'איז אַ יום הדין.

– האָב נישט מורא, דבורה'שי, פאַר דער תחינה מיט איהר יום הדין – פאַר דער שטאָט איז אפשר היינט אַ יום הדין, אָבער פאַר אונז איז היינט יום טוב, ניי-יאָהר! און ס'ווייזט זיך גאָר זיי דאַנק, אַ גוט יאָהר. זעה, קוק די תבואות אויפ'ן פעלד, אַ מחיה! וואָס זאָגסטו, שטאָטישער?..

ער האָט נישט געענדיגט, ווייל אַ גרויסער געלבער הונד מיט אַ פּאַטלאַטע קאָפּ איז פון אַ הויף, וואָס ביים וועג אַרויס, און מיט אַ הייזעריגער בילעריי אויף אונז זיך געוואָרפען.

אַ גראָבער איטאַליענער מיט אַ אָפּגעניצטען בוזים, דער פּאַטראָן פון הויף, האָט זיך בעוויזען, אָפּגעטריבען דעם הונד און מיט אַ פריינדליכען בוענאָס דיאָס, „פעליס אַניאָ נועוואָ" זיך געגריסט צו אונז.

– בוענאָס דיאַס, גראַסיאַס, דאָן אַנטאָקיינאָ! – ענטפערט דער פעטער און שטרעקט איהם אויס זיין ברייטע האַנד, – ס'וועט זיין אַ גוט יאָהר, דאָן, אַ גוט יאָהר, סי סי, סי! – זאָגט ער ווי בעשטימט.

– איהר געהט דאָך איצט דאַווענען אין דער סינאַגאָגע – ענטפערט דער איטאַליענער – טאָ בעט פאַר אונז אויך...

– פאַר אייך? – לאַכט דער פעטער, – וואָס זשע איהר קענט אַליין נישט בעטען? מיר האָבען אַלע איין גאָט.

– מיר? – ווערט דער קריסט רויט ווי אַ בוראַק – מיר, עט! אַז ס'קומט אַ יום טוב שכור'ן מיר... מיר קענען נישט דאַווענען..

– און דו גלויבסט אין אונזער דאַווענען, דאָן?

– יאָ, איך גלויב! דאָן סאַלאָמאָן – זאָגט דער גוי, ווי בעשטימט, – איך זעה זינט איך האָב דאָס לאַנד פון סאַמועל פלאַקס ביי אייך אין קאָלאָניע געקויפט, האָט מיר דאָס גליק אויפגעשיינט. ס'איז אַ גליקליכע ערד אייערע... וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל אייך עפּעס מיט געבען...

ער לאָזט אונז שטעהן, לויפט אַריין אין הויף. ברענגט אַרויס אַ פּעקעל ליכט, און אַ יונגע מיידעל, אַ שעהנינקע טראָגט אַ בינטעלע ווייסע פרישע רויזען.

– נעהם מיט, דאָן סאַלאָמאָן, די ליכט אין אייער סינאַגאָגע – בעט זיך דער קריסט – און דו מיידעל, גיב די בלומען דעם קאַוואַליר – ווייזט ער אָן אויף מיר.

דער שטאַרקער יוד, דער פעטער מיינער האָט זיך אַ דרעה געגעבען מיט זיין גאַנצען גוף. די הויט אויפ'ן פנים האָט ווי אַ ציטער געטון. מיר האָבען זיך געזעגענט מיט'ן קריסט און שטיל, נישט אַרויסרעדענדיג אַ וואָרט, האָבען מיר אַלע דריי ווייטער געשפּאַנט.

פּלוצלינג גיט זיך דער פעטער אַ קעהר צו מיר:

– סע, שטאָטישער געציל פיזיק, ווי געפעלט דיר דער גוי? ווען נישט ראש השנה, וואָלט איך עפּעס געזאָגט.

– וואָס וואָלט איהר אַזוינס געזאָגט, פעטער?

– איך וואָ'ט געזאָגט, אַז מיר יודע זענען אַ שלעכטער עלעמענט... שמואל פלאַקס האָט פערקויפט די ערד, דאָן אַנטאָקיינאָ האָט געקויפט... און קוק איהם איצט אָן דער איז געזונד, רייך, מיט אַ פרעהליך האַרץ און אַ ריינער נשמה, גיט ליכט אין דער יודישער שוהל... און יענער ליגט אין דער ערד, און זיינע קינדער? רבונו של עולם!

– וואו זענען זיי דען, רבי שמואל'ס קינדער, פעטער?

– עט, די קינדער זיינע זיי האָבען גויעס...

– גויעס? האָבען זיי חתונה געהאַט מיט זיי?

– חתונה גאָר? זיי האָבען אַזוי זיך עטליכע הונדערט גויעס, „מאַריעס", רופט איהר זיי דאָרט... און לעבען פון זיי אַ מש גע'נעם טאָג

– דאָ מיינט איהר שוין מיך צו טרעפען, פעטער...

– און אַז דיך. איז וואָס? מיינסט, אַז עס טוט מיר נישט וועה, אַז מיין שוועסטערס זוהן האָט געוואָרפען די ערד-אַרבייט און ציהט זיין חיונה פון אַזאַ טריבען מקור...

– איך שלאָג דערמיט כפרות, פעטער! איך וואַרף עס אַוועק, וואָס דען בין איך געקומען אַהער?

– דו ביזט געקומען? די לונגען דיינע האָבען דיך געבראַכט, דער דאָקטאָר האָט פעראָרדענט.. אָבער אַוועקוואַרפען די שטאָט מיט איהר בעקוועמליך לעבען, מיט איהרע לייכטע פרנסות, ניט, ניט, ניט...

– לייכטע פרנסות? מיר האָבען גרינגע פרנסות? אַ בעקוועמליך לעבען? אַי, האָט איהר אַ טעות פעטער!

– איך האָב אַ טעות? דו מיינסט איך קען נישט די שטאָט? איך בין נישט געווען, איך האָב נישט געזעהען?

– וואָס האָט איהר געזעהן פעטער?

– נו, דבורה, זאָג זשע דו אַליין, וואָס מיר האָבען געזעהן אין שטאָט...

– שליאָמע! שליאָמע! וואָס ווילסטו פון מיר, וואָס זאָל איך דערצעהלען? פון די ווייבלעך מיט די געשווירענע קעפּ ווי די שוסטער-שקצים, מיט די נאַקעטע הענד און ענטבלויזטע ברוסטען, פון די קורצע קליידלעך און זיידענע זאָקען? ס'איז נישט כדאי אום ראש השנה צו רעדען דערפון, לאָמיר בעסער געהן אַ ביסעל גיכער, מיר'ן שוין אָנקומען נאָכ'ן שפּעט.

– דו הערסט וואָס די מוהמע זאָגט? מילא ווייבלעך! איך זאָג דיר דעם אמת, איך בין נשתומם געוואָרען, אַלע אַזוי שעהן, בלוט און מילך. נישטאָ קיין מיאוס'קייט, קיין זאָרג, קיין טרויער, אַלע פרעהליך און מונטער, געקליידעט אין גאָלע סאַמעט און זייד, בעהאָנגען מיט דימאַנטען, ברילאַנטען, פּערל און קאָראַלען. אַלע טראַמווייען, קינאָס, טעאַטרען זענען שטענדיג פול געפּאַקט. קוקסט און דאָס לעבען רעש'ט שפּילט...

– היינט ביי זיי אַ יום-טוב, ראש השנה – רופט זיך אָן די מוהמע – די בעסטע חזנים, די שענסטע שוהלען, מיט די טייערע געבעטע שטולען, מ'דאַרף נישט געהן דריי וויאָרסט צופוס.

– נו ליאָווקע, וואָס זאָגסטו, דו הערסט וואָס די מוהמע זאָגט? קענען מיר שוין די שטאָט?

– אוי, אוי, פעטער, מוהמע! איהר האָט ביידע אַ טעות. איהר האָט גאָרנישט געזעהן: שעהנע שוהלען זאָגט איהר? עס זענען סאַלאָנען, וואו שיקסעס טאַנצען און צלמים הענגען, אויף אַ פּאָר שעה צייט ווערט עס אַ כלומרש'טע שוהל – אַ פּרויען-אויסשטעלונג, וואו די ווייבער קאָקעטירען מיט זייערע גלעזערנע ברילאַנטען און ביינערדיגע פּערל... און אַנ'אַקטיאָר פון טעאַטער טרעלט דאָרט „סאָטקאַ" אָדער מאַננאַ און שמן... בלוט און מילך זאָגט איהר? ס'איז אַ ביסעל ווייסע פאַרב בעשאָטען מיט קרייד אויף אַ מיאוס'ען בעזעטען פנים... רייכקייט? אַ געלעכטער, כ'לעבען. נישטאָ קיין רייכקייט אין שטאָט, פעטער, אַ גיהנום ברענט, שרפ'עט, דער דלות פאַהרט אין אויטאָס, הייסט זיך פיהרען אין טעאַטער און קינאָ.. די פּאָר גבירים. וואָס די מלחמה האָט פּראָדוצירט, ווערען בטל צווישען דער מחנה עניים ואביונים, וואָס פּרוכפּערן זיך, מעהרען זיך, פון טאָג צו טאָג, און וויפיל מאַכען פּליטה אין אַ אַנדער לאַנד.. און וויפיל עפּקלען זיך איבער מיט אייגענע מיטלען אויף אַ בעסערער וועלט... איך אנטלויף פון זיי, פעטער, איך אנטלויף!

– הוממ! אַזוי גאָר? האָבען מיר אין דיר גאָר אַ בעל תשובה, הייסט עס! נו, גוט! אָט איז דער מנין.

דורך דער אָפענער טיר פון שוהל האָט זיך געהערט דער זשום פון די מתפללים און דעם שוחט'ס קול האָט זיך פרעהליך געטראָגען אין דער לופט: „הפותח שער לדופקי בתשובה".

——

אין די הייליגע טעג

פון ד. כהן (ירושלים)

(ספּעציעל פאַר'ן „נייעם פאָלקסבלאַט")

די ערשטע נאַכט פון סליחות אין אַ קליין פערוואָרפען יודיש שטעדטעל אין גאַליל. ביז האַלבע נאַכט איז נאָך ווייט, דאָך איז דאָס „שטיבעל" איבערפולט מיט חסידים.

אין חדר שני איז זיך מתיחד שלמה חיים, ער דאַרף זאָגען היינט סליחות און עס ציטערט און פלאַמערט דאָס האַרץ... דורך די פענסטער קוקט אַריין אַנ'אויסגעשטערנטע אלול-נאַכט און איהר זילבער-בלאַסקייט איז אַזוי בעטענד צאַפּעלדיג... קעפּ אויף קעפּ, אַקסעל צו אַקסעל שטעהט דער עולם צוזאַמענגעפּרעסט און מיט פערגלאָצטע אויגען, פערכאַפּטען אָטעם הערט מען אַ מעשה, אַ גוט וואָרט, אַ תורה פון „אַלטען" זכרונו לברכה. דער דערצעהלער, אַנ'אַלטער חסיד, די זילבער-באָרד איז בעפלעקט מיט גריגעם שמעק-טאַבאַק, צוויי טיפע אויגען קוקען אַרויס פון וואַלדיגע ברעמען און זיין שטים קומט פון דער טיפעניש, פון דעם ווייטען, ווייטען עבר...

– דער „אַלטער" ז"ל האָט זיך דאָס יאָהר געגרייט צום יום הדין. שווערע טעג, פינסטערע טעג, איבער די הימלען האָבען זיך פערשפּרייט אַזויגע געדיכטע וואָלקענס, אַ יודישע תפלה וועט זיך נישט קאָנען דורכרייסען. אַזוי זענען אַריבער די סליחות טעג, נישט ליכטיגער איז געוואָרען ראש-השנה, און באַלד, באַלד קומט אָן דער הייליגער טאָג. האָבען חסידים אין דער גאָרער וועלט געזעהען די וואָלקענס, געפיהלט, אַז דער קול פון שופר האָט זיך נישט דורכגעריסען און געבליבען הענגען צווישען הימעל און ערד, האָט אַ שווערער פחד אַלעמען אַרומגעכאַפּט און מען האָט זיך געאיילט אויף יום כפור צום „אַלטען" ז"ל.

– ערב יום כפור, אין ווייסען קיטעל און אין טלית מיט דער זילבערנער „עטרה" שטעהט ער און דער עולם חסידים טראָגען איינער נאָכ'ן אַנדערען, די קליינע ווייסע זעקעלעך מיט זילבער-געלד פאַר ארץ-ישראל. וואונדערט זיך דער עולם: ערב יום-כפור פאַרנאַכט, אין דער לופט שוועבט שוין די תפלה זכה, דורך די פערוואָלקענטע הימלען שניידט זיך דורך אַ פייערדיגער בליץ, שוין באַלד צייט כל נדרי זאָגען און „ער" ז"ל שטעהט מיט אויסגעשפּרייטע הענד און נעהמט אַלץ אָן די קליינע ווייסע זעקעלעך מיט דעם זילבער-געלד! אַ באַרג מיט זעקלעך, און צוויי משרתים וואַרפען די זעקעלעך אין אַ גרויסען זאַק, ביידע הויבען דעם זאַק מיט אַלע כחות, פערשנירען איהם און..

– „דערלאַנגט איהם מיר אויף די פלייצעס!"

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47 tel. 26-02
אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעצ. לונגען און האַרץ קראַנקהייטען בעשטראַהלונגען מיט קונסטליכע בערג-זון.
נעמט אָן פון 3—5 נאָכמיטאָג.
817

ציטערדיג קוקט דער גרויסער עולם, ווי „ער", זכרונו לברכה, בייגט זיך אונטער דער משא פון שווערען זאַק און די צוויי משרתים פערשליסען די טיר, אַ שווערע לאַנגע שעה. עס פינקלען די גרויסע וואַקסענע ליכט, עס ברויזט אַ הייליגע תפלה אין האַרצען און אַלעמענס אויגען זענען געווענדעט צו די שווערע דיקע וואָלקענס, וועלכע בעדעקען די הימלען. אַלץ געדיכטער ווערען די וואָלקענס, פון אַלע זייטען טראָגען זיי זיך מחנות מחנות, איינע פינסטערער, שווערער פאַר דעם צווייטען...

פּלוצלינג! אַ שניידענדער בליץ, טראַך, טאַראַ-ראַך, די שויבען, די ווענד, דאָס גאַנצע שטיבעל ציטערען, גלייך ווי די שווערע וואָלקענס וואָלטען מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלען און „ער" ז"ל, איינגעגאַנצען אַ שטראַהלענדער, אַ ליכטיגער איז צו צום „עמוד" און אָנגעהויבען מיט ציטער און פלאַם „כל נדרי".

מוצאי יום כפור ביים טיש האָט „ער" זיך לוסטיג געמאַכט און דערצעהלט: „עס איז געווען שווער, דער זאַק מיט דעם ארץ-ישראל-געלד האָט געדריקט און געפּרעסט, איך האָב זיך געדאַרפט דורכרייסען צווישען אַלע פערבליבענע תפלות, וועלכע האָבען געפּלאָנטערט אַרום די וואָלקענס און אַ געשריי געגעבען: געלד פאַר ארץ-ישראל! האָט אַ בליץ געטון, די וואָלקענס זענען אויסגעריסען געוואָרען און מיט מיר האָבען זיך דורכגעריסען אַלע יודישע תפלות און בעקומען ביז'ן כסא הכבוד".

און אַז שלמה-חיים איז צו צום עמוד אָנצוהויבען דעם קדיש פאַר סליחות האָט יעדער איינער אין דער שטיל אַריינגעוואָרפען אַ מטבע אין ארץ-ישראל-זעקעלע.

מיין קליין קינדער-האַרץ האָט דאַן אַזוי געוויינט, למאי איך האָב נישט אַריינצוּוואַרפען אין מיין ארץ-ישראל-זעקעלע.

אָט אַזוי האָבען גאַנצע דורות פון חסידים, פון אַלטען לעכעוויצער ביז'ן פלאָניער, קאָברינער און קוידאַנאָווער געטראָגען אין זייער האַרצען דעם ליכטיגען חלום פון ארץ-ישראל. „געלד פאַר ארץ-ישראל". און אַלע פינסטערע וואָלקענס, אַלע גזירות רעות זענען אין זכות פון ארץ-ישראל בטל געוואָרען...

צאַפּעלדיגע מחנות פון חסידים שטעהען היינט אין די זומפען פון עמק עכו, טריקענען דעם באָדען פון קרן-קימת און בויען אַ נייעם יודישען ישוב. קומען אָן די הייליגע טעג, ווערט אַזוי ענג, די נשמה ברומט און וויינט, זכרונות, הייליגע ערינערונגען פון דער יוגענד, אַזוי שווער דריקענד איז דער לאַסט פון היינט. פערוואָרפט מען דעם זאַק אויף די פלייצעס און מיט אויפגעכאַפּטען חסידישען ברען פערלאָזט מען די שטאָדט.. איינער, צוויי, גאַנצע גרופּעס לאָזט מען זיך אין די בעגילדעטע וועגען, און אין האַרצען לעבט אַ ליכטיגע האָפענונג: ווי שווער עס זאָלען זיין די וואָלקענס, עס וועט דאָך אויפבליצען, עס וועט ליכטיג ווערען.

צי איז דא א לעבען נאכ'ן טויט?

פון ב. צ. גאלדבערג

ולקח גם מעץ החיים
ואכל וחי לעולם.

איז דאָ אַ לעבען נאָכ'ן טויט? עס איז אַן אייביגע פראַגע. אייביג ווי דעם מענשענס דראַנג צום לעבען. און אין יעדער צייט גאַרט דער מענש צו וויסען דעם ענטפער, און ער וואָלט אָפּגעגעבען זיין האָב-און-גוטס צו דערגעהן, וואָס אין דער אמת'ן טוט זיך הינטער דעם טויער, וואָס מיר רופען אָן „טויט".

אין ביאָלאָגישען זין איז יעדער איינער וואָס לאָזט נאָך זיך איבער אַ קינד לעבט נאָכ'ן טויט. ער לעבט אין זיין קינד. לאָמיר דאָס זעהן אַ ביסעל קלאָרער און טיפער:

אַז אַ מענש לעבט, לעבען זיינע אַלע אברים. יעדער אָרגאַן פון זיין קערפער, יעדע צעל פון זיין אָרגאַניזם איז פאַר זיך אַליין אַ לעבעדיג וועזען. עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ געוויסער טייל פון מענשליכען גוף שטאַרבט אָפּ, ווערט אַמפּוטירט — אַ פינגער, אַ האַנט, אַ פוס. טרוקענט עס איין און מען שניידט עס אָפּ. זאָגען מיר דעמאָלט, אַז דער מענש איז געשטאָרבען? געוויס נישט. דער אבר איז טויט, דער מענש אַליין לעבט.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַזאַ מין ווילדען פאַל: אַ מענש פערלירט די הענט, דעם קאָפּ, די ברוסט, דאָס האַרץ. עס זיינען געבליבען נאָר אַ פּאָר פיס, אָבער די פּאָר פיס לעבען—געהן אַרום ווי תמיד, דאָס בלוט אין זיי צירקולירט, זיי שפּייזען זיך, אַלץ ווי אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם—וואָלטען מיר דען געהאַט קיין רעכט צו זאָגען, אַז דער דאָזיגער מענש לעבט נאָך? מיט וואָס איז האַרץ און מאָגען מעהר יחסן ווי פיס?

איצט נעמט אַ מענשען, וואָס לאָזט נאָך זיך איבער אַ קינד. אַ לעבעדיג טייל פון איהם, זיין זריעה-צעל האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין גוף און צוזאַמען מיט אַן'אַנדער טייל פון אַן'אַנדער פערזאָן איז עס אויסגעוואַקסען אין אַ נייעם מענשען—אין זיינס אַ קינד. הייסט דאָס נישט, אַז ער לעבט אין זיין קינד?

אָט דער סכום לעבעדיגקייט, וואָס ער האָט פערמאָגט, איז נאָך נישט אויסגעגאַנגען, אַ טייל פון דעם לעבט און איז זיך צעוואַקסען אין דער פאָרם פון אַ נייעם מענשען. עס איז ווי אַ פייער אין אַ לאָמפּ פון וועלכען מען האָט אָנגעצונדען אַ ליכט. דער לאָמפּ קאָן זיין אויסגעלאָשען, אָבער כל-זמן דאָס ליכט ברענט נאָך, הייסט עס, אַז אַ שטיקעל פייער ברענט נאָך.

און פונקט ווי אין ריין-פיזיאָלאָגישען זין איז דאָ אַ לעבען נאָכ'ן טויט אַזוי איז אויך אין ריין-גייסטיגען זין דאָ אַ לעבען נאָכ'ן טויט נישט פאַר אַלעמען, נאָר פאַר די געציילטע, פאַר די, וואָס זייער „גייסט איז מיט אונז". דאָס וואָס אַ מענש טראַכט, פיהלט, גלויבט און דריקט עס אויס אין אַ קינסטלערישער פאָרם, דאָס בלייבט מערסטענס.

משה רבינו לעבט נאָך היינט צו טאָג-גייסטיג. ער וועט לעבען כל-זמן מענשען וועלען לייענען די ביבעל.

קאַרל מאַרקס לעבט היינט צו טאָג, ווי לאַנג נאָר זיינע געדאַנקען ווערען בעלייענט, דיסקוטירט, איבערגעטראַכט פון אַנדערע מענשען.

און אפילו אַ מענשענ'ס פלייש און בלוט, זיינע האָר און מוסקולען געהען אויך נישט פערלוירען. עס איז דאָ אַ פיזישער געזעץ פון „קאָנסערוואַציע". איהר קאָנט קיין שום זאַך נישט צושטערען, פערניכטען אינגאַנצען.

אין אַבסאָלוטען זין, אַלזאָ, לעבט דער מענש דריי פאַכיג נאָך זיין טויט: ער לעבט אַלס סובסטאַנץ אין דער נאַטור, אין אַנדערע כעמישע קאָמבינאַציעס; ער לעבט אין'ם בלוט און פלייש פון זיין קינד: ער לעבט אין דעם אוצר פון אידעען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט.

און אַז מיר קוקען צוריק אויף דעם, וואָס גרויסע לייט אין פערשידענע צייטען האָבען געטראַכט פון דער פראַגע פון אַ לעבען נאָכ'ן טויט, זעהען מיר די דאָזיגע דריי אומשטערבליכקייט-מעגליכקייטען, אויב נישט אין דער קאָנקרעטער פאָרם, איז כאָטש אין אונבעשטימטען איינדרוק.

די טייל פון מענשענס נשמה, וועלכע איז ריין פערזענליך, וואָס איז די רעקט פערבונדען מיט זיין פיזישען אָרגאַניזם, די שטאַרבט אָפּ, דאָס אַלגעמיינע. דאָס אַלמענשליכע גייסטיגקייט פון מענשען, די וועלט-אידעען זיי פערבלייבען.

אָבער דער דורכשניטליכער מענש זעהט ווייניג טרייסט אין דעם. וואָס זיין פיזישע כעמישער שטאָף ווערט נישט צעשטערט, אָדער וואָס זיין קינד איז אַ טייל פון איהם, און אפילו אין דעם וואָס זיין גייסט, זיינע אידעען וועלען לעבען נאָך איהם, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס דעם דורכשניטליכען מענשענ'ס אידעען לעבען אפילו ביי זיין לעבען נישט. דער דורכשניטליכער מענש וויל וויסען צי ער, בי ער אַליין לעבט נאָכ'ן טויט.

לויט'ן רמב"ם קאָן קיין רייד נים זיין פון אַ לעבען נאָכ'ן טויט פאַר'ן גוף, נאָר די נשמה בלייבט לעבען.

דער פילאָזאָף ספּענסער האָט אַמאָל בעטראַכט די פראַגע צי „מוז" דער מענש שטאַרבען, צי זיין אָרגאַניזם קאָן נים אנהאַלטען אייביג. ער האָט בעגלויבט, אַז ווען דער מענש זאָל זיין פולשטענדיג צוגעפאַסט צו דער סביבה, אין וועלכער ער לעבט, וואָלט דער מענש געדאַרפט לעבען אייביג.

מעטשניקאָוו זעהט דעם מענשענ'ס קערפער ווי אַ מאַשין, אין וועלכער עס קלייבט זיך אָן שטויב פונם שטויב גערט ראָסט, און מיט דער צייט עסט די ראָסט אויף די מאַשין.

אַזוי קלייבען זיך אָן אין מענשען אָפּפאַל-שטאָפען, וואָס ווירקען ווי גיפט אויף זיין אָרגאַניזם, דעריבער האַלט מעטשניקאָוו, אַז דורך ספּעציעלער פאָרזיכט וועט אַמאָל דער מענש קאָנען לעבען אַ סך לענגער ווי היינט ווי די זאַך איז שטאַרבט דער מענש יאָ, מוז דער גוף אונטערגעהן.

אָבער אויסער'ן גוף האָט נאָך דער מענש עפּעס אַנדערש, וואָס ער רופט אָן „איך". אַ מענש קאָן רעדען וועגען זיין לעבען נאָכ'ן טויט ווייטער, אַז פון זיין גוף רעדט ער נים. פון וואָס רעדט ער יאָ? פון זיין גייסטיגען „איך", פון זיין נשמה, זיין פערזענליכקייט.

אין פּראָצעס פון שטאַרבען, ווערען די צענטרען אין מוח, ווי אַנדערע טיילע פון גוף קאַליע, פערגיפטעט, אויסגעהונגערט, פערדייהט, ווי איהר זאָלט עס נים אויסדרוקען — קאַליע ווערען זיי. קומט אויס, אַז דער מענש שטאַרבט אַ טויטער, נאָר איידער ער איז געשטאָרבען זענען שוין די טיילען פון זיין נשמה טויט. ביי טייל מענשען קאָן דער נשמה-טויט געדויערען טעג און שעה'ן. ביי אַנדערע מינוטען, צי סעקונדען, אָבער בעת דער מענש געהט אַוועק פון דער וועלט האָט ער שוין נישט קיין נשמה, וואָס מיטצונעמען מיט זיך אויף יענער וועלט.

פונקט ווי דער גוף פון מענשען, אַזוי זיין פערזענליכע נשמה, ווערט אויפגעלייזט און צעשטערט אין דעם צעשטערונגס-פּראָצעס פון טויט.

פערשטעהט זיך, דער וואָס איז מיסטיש געניגט קאָן אפילו דאָ אויספּשט'לען אַ לעבען נאָכ'ן טויט: ער קאָן זאָגען, אַז אַ מענשענ'ס נשמה לעבט סיי-ווי אויסער זיין גוף: יעדער געדאַנק זיינער האָט אַן „אָפּשיין" אין רוימען. פונקט ווי אַ מענשענ'ס קול טראָגט זיך פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען, דורך [illegible] און ווינט, נאָר מיר מוזען האָבען אַ ראַדיאָ דאָס אויפצוכאַפּען. אַזוי קאָן זיין, אַז יעדער געדאַנק אונזערער, טאַקע דערפאַר וואָס ער איז אַ פיזיאָלאָגישער פּראָצעס, ווירקט ווי כוואַליעס דורכ'ן שאַרבען אין דרויסען אַרויס, און ווען מיר וואָלטען ענטדעקט דעם ריכטיגען אַפּאַראַט, וואָלטען מיר געקאָנט אויפכאַפּען אַ מענשענ'ס געדאַנקען פון דער לופט ווי דעם קלאַנג פון זיינע ווערטער.

אָבער אַ חוץ דעם, וואָס די פיזיקע און פיזיאָלאָגיע הינקען דאָ אונטער איז דאָ אַן'אַנדער אויסדעצונג. לאָמיר זאָגען, אַז יאָ: די גאַנצע לופט איז פול מיט געדאַנקען-כוואַליעס ווי מיט קלאַנגען-כוואַליעס. אין אַ מענשענ'ס געדאַנק, נאָר אַ כוואַליע פאָרם, און איז איינציג, אָהן אַ פערבינדונג מיט דעם מענשענ'ס אַנדערע געדאַנקען. איז קיין פערזענליכע נשמה אַלץ נישט, ווייל דער באַזיס פון דער פערזענליכער נשמה איהר צוזאַמענגעבונדענקייט, איהר זיין אַ גאַנצע, צוזאַמענגעקניפּטע זאַך. [illegible] איהר זי אָבער אויף און צעלאָזט די געדאַנקען ווי די פעדערלאַך פון אַ קישען אין דער לופט, איז בטילא אויס קישען.

קאָן מען ווידער אויסטראַכטען אַ מעגליכקייט, אַז יעדער מענש האָט זיך זיין נשמה, זיין געדאַנק און געפיהל-כוואַליע. און אַז אין דער לופט קלייבען זיי זיך אַלע צונויף אין עטוואָס אַ גאַנצעס און עס ווערט דאָך אַן איינהייט.

און ווידעראַמאָל, הגם דאָס איז שוין פיזיקאַליש גאָר למעלה מן הטבע, לאָמיר זיך געבען, אַז אַזאַ מעגליכקייט איז דאָ, פעהלט נאָך אַלץ פעהלען די קראַפט, וואָס הערט אויף די נשמה, דער פונקט וואָס ווערט אַקטיוו, דער בעוואוסטזיין מאָמענט — אַ מענש האָט דאָך נים פאַר זיך אויף אַ מאָל אין בעוואוסטזיין זיין גאַנצע גייסטיגע ערפאַהרונג, נאָר ווי אַ פּראָזשעקטאָר ווערט געוואָרפען דאָ צו דעם טייל ערפאַהרונג, דאָ צו יענער.

און דער דאָזיגער פּראָזשעקטאָר קומט פון דער דרויסענדיגער וועלט. פונם שפּיל פון דער נאַטור אויפ'ן מענשען און דאָס קאָן נאָכ'ן טויט געוויס נים זיין.

די פערזענליכע נשמה האָט קיין תקומה נים, ווי מען זאָל זיך נים פּשט'לען.

ער מאהנט טאנטיעמע...

פון צבי הירשמאן

נו, ווער ווייסט עס דען נישט? עס איז זיכער, עס איז עלעמענטאַר, אַז אין מענשליכען לעבען אויף דער ערד האָט געוויס פיל צו זאָגען דער קוואַל, פון וואַנען ער, דער מענש, שפּייזט זיך ספּעציעל. דער פערצייטישער מאַלעשאַטישער אַפאָריזם, — „דער מענש איז וואָס ער עסט", — לאָזט זיך איבערפראַזירען אין עטוואָס אַ פערענדערטען נוסח: „דער גייסטיגער פערגעהם פונ'ם מענשען איז שטאַרק פערקניפּט מיט זיין מאַטעריעלער בעשעפטיגונג".

עס איז אָבער אין דער זעלבער צייט נישט ווייניגער זיכער און נישט ווייניגער עלעמענטאַר, אַז נישט קיין קלענערע בעדייטונג האָט דאָ דער אופן, ווי אַזוי דער געשפּייזטער ווירט פערהאַלט זיך מאָראַליש צו דעם דאָזיגען חיונה-קוואַל. פונקט ווי אין אַלץ, קאָן מען דאָ אויך נישט פּראָקלאַמירען קיין אייביגע און פאַר אַלעמען גלייכע כללים. עס העגנט אָפּ פון דער פערזענליך-פסיכישער בעציהונג. אַ דאַנק דעם אינטימען געמיט פון אַ בעשטימטען מענשען איז מעגליך, אַז אפילו בפועל ממש, אַ שמוציגער רינשטאָק זאָל אויסזעהן אין זיינע אויגען עפּעס, ווי אַ קרישטאָל-ריינער פאָנטאַן. עס זענען פאַראַן אַזוינע פאַלען.

אָט אַלס אַ לעבעדיגער ביישפּיל קאָן דינען מיין לאַנגאָנענדיגער יוד — טינטערדאַסי.

טינטערדאַסי איז אַ מאַן פון אַ יאָהר 40-35 און איז, — ווי מען דריקט זיך אויס צווישען אינטעליגענטען, — אַ מענש מיט העכער בילדונג און מיט אינטעלעקטועלע פאָדערונגען און בעדערפענישען. אין דער פריהער יוגענד האָט ער געענדיגט די ראַבינער-שול אין בודאַפּעשט. נאָכדעם, שפּעטער, געשטודירט פילאָזאָפיע אין ווין; און איצט, לעבענדיג אין פּאַריז, לאָזט ער נישט דורך קיין איין קונסט-אויסשטעלונג, אָדער טעאַטראַלע שטיק, וואָס ער זאָל נישט האָבען געזעהן; קיין איין מוזיקאַלישע נייעס, צי אַ וויכטיגע אַרטראַג, האָט ער זאָל נישט האָבען געהערט, און קיין איין בוך, כמעט און אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען, וואָס ער זאָל נישט האָבען דורכגעלייענט. דערצו נאָך איז ער נישט עפּעס אַ ציידענער יונגערמאַנטשיק, אַ טרוימער, וואָס ווייסט נישט, פּראַקטיש, וואו אַ טיר עפענט זיך. דער דאָזיגער טינטערדאַסי פערמאָגט אַ היבשע ערפאַהרונג: אַלט מאַדיאַרישער אָפיציר האָט ער דורכגעמאַכט דעם וועלט-קריג און אַלע זיינע סטאַדיעס און אויף אַלע פראָנטען, — אַ פאַרביגע איבער-לעבונג, כדי אויסצוריבען אַ מענשען.

אין פריעדענסצייטען, וואָס פאַר אַ מאָדנע און אין פלוג אומיוזרדיגע פיזיהה ער האָט זיך אויסדערוועהלט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אַ געטרייער יוד נישט בלויז וועלטליך, נאַציאָנאַל, נאָר אויך אפילו רעליגיעז, מיסטיש (לויט זיינע רייד שטרעפט ער זיך אָפּט פונקט ווי ער אַליין דער לעבעדיגער טינטערדאַסי, שטעהט מיט די אייגענע פיס אויפ'ן באַרג סיני און זיינע אויערען האָרכען דורך די דונערען און בליצען גאָט'ס וואָרט צו דעם אויסדערוועהלטען פאָלק), — דאָך פּאַנטאַזירט ער זיך עפּעס כסדר אַרום קריסטליכע גייסטליכע, און זייערע קאַססעס אויף מיסיאָנס צוועקען האַלט ער עס אונטער, טינטערדאַסי, זיין עקזיסטענץ. אין אַלע קלויסטערס איז ער פיל און פון ערגעץ געט ער נישט אַרויס מיט ליידיגע הענד.

ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין דעם, טינטערדאַסי. געמאַכט עס פאַר זיין אַרבייטס פאַך. וואו נאָר אַ קריסטליכער גלח — ווייסט ער איהם פאַר די פּאַלעס; און עס קימערט איהם אַבסאָלוט נישט די סעקטאַנטישע אָנגעהעריגקייט פון דעם דאָזיגען גלח: צי ער איז קאַטוילעש, אָדער פּראָטעסטאַנטיש, דיסידענטיש צי אָרטאָדאָקס. — קיין אונטערשיד נישט. אַבי נאָר אַ קריסט זאָל ער זיין. אפילו אַזוינע דלפנים, ווי די רוסישע פּראַוואָסלאַווע פּאָפּעס, די עמיגראַנטען, וואָס שלעפּען אַליין פון טויטע אָן, פון לעבעדיגע, צאַהלען איהם אויך צינז, דעם געוועזענעם תלמיד אין דער בודאַפּעשטער ראַבינער שול.

דורך וואָסערע מיטלען, אָדער קינצען, ער דערגרייכט עס, אַז אי די ציג איז גאַנץ, אי דער וואָלף איז זאַט, דאָס הייסט, לעבען אַלס קעסטנעק פון דער קריסטליכער קירך און דאָרט נישט בעשיידען זיך מיט דער יודישער סינאַגאָגע, — דער גוטער יאָהר ווייסט איהם, אָט דעם מאַדיאַריש-יודישען שנהנגייסט, ווי אַזוי ער קריכט עס דאָ דורך.

נאָר דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס ער, טינטערדאַסי, בעהאַלט זיך גאָרנישט מיט זיין פּרנסה. אומגעקעהרט, ער שטאָלצירט נאָך מיט איהר. אָט איינמאָל, אין אַן'אינטימען שמועס צווישען אונז ביידען (אגב, אַ פּיקאַנטער דעטאַל: דער דאָזיגער שמועס אונזערער האָט זיך געפיהרט אין איינער פון די סאַמע עלטסטע קירכען אין פראַנקרייך, אין דער סען סולפּיס קירך), וואַרף איך איהם אַריין אַן'אַנצוהערעניש, אַז דער „בערוף" זיינער, וואָס ער האָט אויסגעקליבען פאַר זיך, שאַקירט נישט בלויז איהם פּערזענליך; עס איז, דורך איהם, אַ שלעכטע רעקאָמענדאַציע אויך פאַר אַנדערע יודען...

וואָלט ער כאַפּט אויף אַ האָר אַראָפּפאַלען ביי זיך, אויסהערענדיג אָט די אַנצוהערעניש מיינע. אדרבא, ער צעשרייט זיך נאָך, טינטערדאַסי; ער צעשרייט זיך אַגרעסיוו און מיט אַ געהויבענעם קאָל:

— זי זענען דום! אַבסאָלוטען דום!

— בייזערט ער זיך אויף מיר, — „בערוף", אַלס יוד, — פּאָלעמיזירט ער, — האָב איך זיך עס דאָך גענומען צו דעם דאָזיגען „בערוף"... איך בין, — רופט ער אויס מיט גדלות, — נישט קיין בעטלער און נישט קיין שווינדלער! די קריסטליכע קירך איז מיין יודישער באַנק סייף און דער קריסטוס איז מיין יודישע ערגעהרונגס רענטע! — זאָגט ער, טינטערדאַסי, אונטערשטרייכענדיג אויפגערעגט יעדעס וואָרט, — איך פאָ-

טינטערדאָסי און זיין פרנסה.

דער, וואָס עס קומט! — דערקלערט ער.

דערצו לייענט ער דורך, בעת מעשה אַ גאַנצע פילאָזאָפיש-היסטאָרישע לעקציע איבער אייראָפּאַ.

— די אייראָפּעאישע קולטור און איהר בעסטע און פיינסטע מוסטערן, — פיהרט אויס טינטערדאַסי. — איז דורך און דורך קריסטליך... ביי די שענסטע אייראָפּעאישע דענקער און פּאָעטען, — ברענגט ער אַ ביישפיל, — איז אַלץ דורכגעדרונגען מיט דעם עוואַנגעלישען ציטער פאַר קאַטאַסטראָפעס, וואָס לויערען.. פונקט ווי די גרעסטע קינסטלער פון אייראָפּאַ, — גיט ער צו — האָלטען שטענדיג פאַר די אויגען, אַלס אַ מאָדעל, דעם געקרייציגטען פון נאַזאַרעט איז דאָך אַ געלבער יוד פון ארץ-ישראל.. נו, — פרעגט ער, ווי טריומפירענדיג פון דער אייגענער לאָגיק, — האָבען דען די יודען נישט דאָס רעכט צו מאַהנען האָנאָראַר, טאַנטיעמע פאַר אַזאַ וועלט-היסטאָרישע בוך און פאַר אַזאַ וועלט-היסטאָרישען מאָדעל?.. דאָס רעכט, — פערגאָרפט ער נאָך דעם געדאַנק זיינעם, — וואָס איז פון אַלעמען אָנערקענט: פאַר דעם געוועהנליכען ציטונגס-שרייבער און פאַר די מאָדעל-מאַגדאַלינעס פונ'ם בולוואַר מאָנפּאַרנאַס.

איך שלאָג איהם איבער, טינטערדאַסי'ן, מיט אַן'אַנדער טענה און זיין סאַמע ברען:

— גוט, — זאָג איך צו איהם, — לאָמיר אָנגעהמען, אַז די דאָזיגע קאָנצעפּציע זיינע איז טאַקע אַ ריכטיגע; עס איז אמת אַז די קריסטליכע וועלט איז ווירקליך שולדיג „האָנאָראַר" דער יודישער אומה פאַר ביכער און פאַר מאָדעלען... מיט וואָס פאַר אַ רעכט, אָבער — שטעל איך איהם אַ שאלה, — פּראָקלאַמירט ער זיך עס איינצעלנער פּערזענען אויף היסטאָרישע קאַפּיטאַלען וואָס לויט זיינע אייגענע רייד, געהערען זיי גאָר צו אַ גאַנץ פאָלק?

און טינטערדאַסי ענטפערט מיר קאַלט און זאַכליך:

— דאָס איז קוואַטש! — איז ער מיך מבטל, — קיין „איינצעלנער" און קיין „פּרעצעדענטס" אויף פרעמדס... דען — שמייכעלט ער, ווען עס גיט נאָך איין יוד, וואָס גלויבט, אַז דאָס קריסטענטום איז יורידיש זיינעס אַ רענטע, דאַן: ביטע שעהן..

צוויי וואס האבען געווינט

פון יוסף זעלקאוויטש

ר' איטשע מאיר'ל כהן, כאטש ער איז קיין פערברענטער חסיד ניט געווען, האט ער אבער געהאט א זעלכע מעלות, וואס האבען איבערגעוואויגען דעם חסרון און איז געווען דאס שיינדעל פון די חסידים — א הארציגער יוד, א מוג טוב, קיינמאל האט מען פון איהם נישט געהערט קיין הויך ווארט, אייביג בנעימות, געלאסען, מיושב דיג — א געוואלדיגער בעל-שכל. דערצו איז ער געווען א הארציגער בעל-תפילה, נישט בעדאווענט מיט רעש, מיט ברען, ווי די איבריגע בעלי-תפילות, נאר שטיל, געלאסען, ווי ער וואלט זיך, להבדיל אלף הבדלה, אויסגעשמועסט מיט א בשר ורם, נאר א כח עפיס איז געלעגען אין זיין דאווענען, אז עס האט מיטגעריסען, הערצער פערכאפט. געווען א גרויסער למדן, געלערנט אויף זיין שטייגער, נישט געריסען, מוטערען אייגעלייגט, נאר שטיל „אויפ'ן ארט" און איז טאקי געווען א געוואלטיגער בקי — א מלא וגדיש. אויסער דעם איז ער געווען א גוטער בעל תוקע, האט ער טאקי געהאט א חזקה איע יאהר צו דאוונען נעילה און צו זיין בעל תוקע...

ראש-חודש-אלול האט ר' איטשע מאיר'ל צוגענומען דעם שופר פון „שטובל", אריינגעלעגט איהם אין טלית-זאק און איבערהויבען, האט ער איהם אויסגעווייקט אין עסיג און יעדען טאג, אנ'ערך פון א האלבע שעה זיך מחנך געווען.

— „א מ אכה, — פלעגט ער זאגען — אז מ'לערנט זי איינמאל אויס, איז מען פערטיג, תקיעת שופר איז אבער א חכמה און מ'דארף אלע טאג לערנען"...

און עס האט טאקי קיינמאל נישט געטראפען, אז ר' איטשע מאיר'ל זאל א מאל נכשל ווערען אין די תקיעות; מקצר זיין דארט וואו מען ברויך מאריך צו זיין אדער פערקעהרט — די תקיעות האבען זיך איהם אייביג, כמעט, ווי אליין ארויסגעגלשט פון שופר, א זעלכע זיסע ציטערדיגע, ווי יונגע, געזונטע קינדערלעך גליטשען זיך פון דער מוטער'ס האנד ארויס..

אין דעם אייגענעם שטיבעל האט געלערנט א קעסט יונגערמאן — „מרדכי'לע תם". אדער „מרדכי'לע מח", ווי מ'האט איהם גערופען, און אטא דער מרדכי איז אייביג געזעסען אין שטיבעל ביים גרויסען טיש און געלערנט, ביי טאג און ביי נאכט - אייביג האט ער געלערנט אזוי זיס, אזוי הארציג, קיינמאל זיך נישט גע'חבר'ט מיט די איבריגע קעסט יונגע-לייט, וואס האבען מעהר נישט געוואוסט ווי מאכען זיך סעודה'לעך און גאנצע טעג צו שלאפען אויף די בענק...

האבען זיי טאקי געזאגט, אז ער, מרדכי, האט אין זיך א נצוץ פון דעם „ווילנער" — און האבען איהם אפגעגעבן אויפ'ן מיט ארויף. אויף „אמשכנתא", כדי ארויסציהאקען פון איהם דעם נצוץ...

מרדכי איז אבער ווייטער געבליבען ביי דאס זייניגע און עלטערע חסידים האבען ממש געקוואלען פון איהם:

— עפיס א קליינינקייט, מיינט עסק — האט ר' בינם גבאי גע'טענה'ט — א יונגערמאן זיצט און לערנט ערגעסט, קען נישט קיין צורת המטבע?! און דער עיקר טאקי א בעל דרך-ארץ, גהט זיך זיין אקסען-שריט, נישט ווי די איבריגע שניצקעס!

*

וואס נעהנטער עס איז געקומען צו ראש-השנה, אלץ אומהיימליכער און שרעקעוודיגער איז געווארען מרדכי'ס לערנען. דאס מיינט מען נישט צו זאגען, אז ער האט אנגעוואוירען די התמדה — אדרבה, געלערנט דוקא נאך מעהר, ווי אייביג, אפילו שלאפען נישט אהיימגעגאנגען, נאר דער גמרא-ניגון איז עפיס בעזונדער, אזא דערשלאגענעס, אזא אנגע-וויינטער און אפ לערנען אליין, אזוי באפעלדיג, אזוי בתחנונ'דיג, נישט דאס מיושב'ע, בנאימות'דיגע לערנען, וואס פריהער...

חסידים האבען פערשטאנען און פרויערטיג געשאקעלט מיט די קעפ:

— אז דער שווער, לייזער איטשע, איז א קמצן אין וויל א הם נישט מוסיף זיין די קעסט — כאפט ער נעביך, וויל ער נעביך, וואס מעהר איינשלינגען — — — — — — — — — — — —

— דעם ערשטען טאג ראש השנה, צווישען שחרית און מוסיף, פאר תקיעת שופר, שטעהט ר' נתן בעל משפיע פאר דעם שלחון און זאגט א דרוש אויף דעם פסוק: „היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו" — איז מסביר רעם ענין פון תקיעת שופר און איז מעורר לתשובה דער עולם וויינט, א שטיל חרטה'דיג געוויין: „רבונו של עולם, זיי מוחל די חטאים, ס'וויל קיין מענש נישט זינדיגען... פרנסה, רבון כל העולמים!"

נעבען ר' נתן ביים שלחן, שטעהט ר' איטשע מאיר'ל איינגעוויקעלט אין קיטעל און ארומגעהילט דאס פנים מיט'ן טלית:

— „רבונו של עולם, דו ביזט דאך א יודע מחשבות און דו ווייסט דאך, אז נישט, חס ושלום, פון כבוד וועגען בין איך א בעל-תוקע. כ'בין דאך נאר א שליח צבור, און שליחי מצוה ווערען דאך נישט גע'נזוק'ט — בעט איך דיך, מרא דעלמא כולא, אז דו זאלסט מיך אפהיטען פון שלעכטע מחשבות, כדי איך זאל, חס וש'ום, נישט געשטרויכעלט ווערען אין די תקיעות"...

און אין ווינקעל, צווישען ארון-קודש און דער וואנד, שטעהט מרדכי א פערצער'טער, אנגעלעהנט דעם קאפ אן דער וואנד און דאס הארץ וויינט אין איהם: — „רבונו של עולם, דו ווייסט דאך אז דאס גאנצע חיות מיינס, איז דיין היילינע תורה — גיב אריין אין מיין שווערם הארץ אריין א מחשבה, אז ער זאל מיר ווייטער געבען קעסט, כדי כ'זאל קענען זיצען און לערנען"..

ר' בינם גבאי האט געגעבען א קלאפ אן טיש. דער עולם האט זיך אפגעזיפצט, צעשאקעלט זיך, גרייט צוצוגעהן צום משפט, שטיל, אויסגעגעוועהנליך שטיל — א שטילקייט פאר'ן שטורם.. דער בעל תוקע מאכט די ברכות, דער עולם זאגט נאך „אמן"..

— תקיעה!..

ר' איטשע מאיר'ל נעמט דעם שופר אין מויל אריין און פון שופר געהען ארויס אזעלכע איירעלע, רחמים'דיגע קולות און קלערן זיך איבער'ן שטוב, ווי זיבערנע דוגערס, קלאפען אן אן יעדענ'ס הארץ און זענען מעורר..

פלוצלינג, האט?..

וואס איז דאס?... — דער בעל מקריא זאגט איינמאל, נאך אמאל, צום צעהנטען מאל און ר' איטשע מאיר'ל בלאזט, בלאזט מיט אלע כוחות און קיין קול שופר הערט מען נישט.

דער עולם קוקט זיך אום: וואס האט פאסירט?...

ר' איטשע מאירלס פנים איז רויטגרין און געל. בלאזט מיט די לעצטע כחות און ס'קומען ארויס קולות בייזע, הייזעריג-רונזה'דיגע, אפגעהאקטע — נאר נישט קיין קול שופר.. און דער עולם איז אנגעווייטאגט: „עס שטנ'ס אר. בייס, ימח שמו"... מפסיק זיין, טאר מען נישט, הויבען זיי אן צו זינקען: „יז. נו — — זאל אנ'אנדערער צוגעהן בלאזען".

ר' איטשע מאיר'ל גיט אבער נישט דעם שופר פון האנד ארויס — זיין חזקה, שוין דרייסיג יאהר בעל-תוקע.. דרעהט ער אויס דעם שופר אויף דער ברייטער זייט זאגט אריין „ויהי נועם" — קיין קול שופר הערט מען נישט — פאלט ר' איטשע מאיר'ל אין חלשות, לאזט ארויס דעם שופר פון דער האנד און צווישען עולם ווערט א יללה: „דער קטרוג איז גרויס — ווער וועט בלאזען אוי, רבונו של עולם!! — — —

פלוצלינג האט ר' נתן בעל משפיע זיך גלייכגעשטעלט, דאס פנים האט געברענט, די אויגען האבען געלויכטען: — „מרדכי! — וואו איז מרדכי?!"

מרדכי איז צוגעזומען.

— נעם דעם שופר און בלאז!

— איך בין נישט קיין בעל-תוקע, ר' נתן, כ'האב מורא!

— איך בין אויף דיר גוזר!

— מוז איך בלאזען. נאר —

— וואס — נאר?

— און ר' איטשע מאיר'ל, די חזקה זיינע?.. זיין שברת הלב?..

— איטשע מאיר וועט מוחל זיין; איך וועל מיט איהם איבעררעדען...

— אבער...

— ביזט אנ'עזות מחוצף, מרדכי, איך הייס בלאזען, דרך ארץ!..

האט מרדכי זיך צעוויינט: „ר' נתן, דאס הארץ איז מיר שווער, איך מוז זאגען — כ'וועל נישט פריהער שופר בלאזען, ביז איהר וועט מיר נישט מבטיח זיין פרנסה — כ'זאל קאנען זיצען און לערנען מתוך הרחבה"...

— אזוי?! — האט ר' נתן זיך גע'כעס'ט — ביזט נאר אנ'עובד על מנת לקבל פרס?!...

— יא, — האט מרדכי זיך איינגעעקשנ'ט — בעסער מיר איינמאל צו זיין אנ'עובד על מנת לקבל פרס, איידער נארישט צו קענען טון...

האט ר' נתן זיך צולאכט: נו, נו, עקש, נעם דעם שופר און בלאז, און פרנסה — מאן דיהיב חיי, יהיב מזוני — וועסט האבען...

און — מרדכי האט אפגעבלאזען תקיעות מיושב און תקיעות מעומד

נאכ'ן דאווענען, האט דער עולם שוין אינגאנצען פערגעסען דעם פריהערדיגען פחד און מתוך שמחה געוואלט מען געהן א רקוד'ל לכבוד יום טוב און ר' נתן האט צוגעפאטשט מיט די הענד: לעבעדיג, לעבעדיג יודען — יום-טוב!..

האט דער עולם געטאנצט, זיך משמח געווען, און בלויז צוויי זענען געשטאנען אין צוויי בעזונדערע ווינקעלעך און האבען געוויינט: ר' איטשע מאיר'ל פון גרויס צער און שברת הלב און מרדכי — פון גרויס שמחה, וואס ער וועט קענען זיצען און לערנען מתוך הרחבה — — —

(פאלקסטימליך)

וועלכע ראסע וועט בעהערשען די וועלט?

פון ל. באראדולין

ווען מען בעטראכט די פערשידענע מענשליכע ראסען און פעלקער, און די פערשידענע מינים לעבעדיגע באשעפענישען, וואס עקזיסטירען איצטער אויף דער ערד, און מען פערגלייכט זיי צווישען זיך, און דערנאך פערגלייכט מען זיי מיט די מענשליכע ראסען און פערשידענע מינים לעבעדיגע באשעפענישען, וואס האבען א מאל עקזיסטירט אויף דער וועלט — קען מען פון דעם לערנען צוויי זאכען.

ערשטענס, לערנט מען פון די פערגלייכונגען, אז אין דער נאטור עקזיסטירט א פראצעס פון עוואלוציע, א פראצעס פון ענטוויקלונג: אז נידעריגערע מינים ענטוויקלען זיך אין אלץ העכערע און העכערע, און אז די העכערע מינים געוועלטיגען איבער אלע איבעריגע. און צווייטענס, לערנט מען פון דעם אז דער פראצעס פון ענטוויקלונג געהט אין א געוויסער ליניע; אז פאר ווייטערע ענטוויקלונגען קלייבט אויס די נאטור די בעסערע מינים, די מעהר פאסענדע פאר דעם, פרעגט זיך: קען מען אויפ'ן גרונד פון א זעלכע פערגלייכונגען און בעטראכטונגען פאראויסזאגען, וועלכע מענשליכע ראסע עס וועט א מאל געוועלטיגען אויף דער ערד?

מיט אט דער פראגע פערנעמט זיך דער געלעהרטער ארטור קעיט.

פריהער פון אלץ בעטראכט ער די געהירען פון די אמאליגע חיות אויפ'ן גרונד פון זייערע שארבענס, וואס זענען אויסגעגראבען געווארען אין פערשידענע ערטער. ער ווייזט אן דערויף, וואס די חיות, אין די פאר-מיאסען צייטען, ד. ה. מיט מעהר ווי 2 מיליאן יאהרען צוריק, האבען געהאט זעהר קליינע געהירען. בהדרגה'דיגווייז האבען זיך אנגעהויבען ענטוויקלען די מאלפעס מיט גרעסערע געהירען. פון די נידעריגערע מינים מאלפעס האבען זיך דערנאך אנגעהויבען ענטוויקלען די אנטראפאאידען, ד. ה. די העכערע מינים מאל-פעס מיט נאך גרעסערע געהירען אז מעהר צוהנלך צו מענשען נאט אלע חיות, וואס האבען אמאל בע"עבט. האבען זיך ענטוויקלט אין מאלפעס, נאר יענער מין, וואס האט אין זיך געטראגען דעם אנפאנג, א ער די פאטענציעלע מעגליכקייט פאר דעם. און נישט אלע מאלפעס האבען זיך דערנאך ענטוויקלט אין אנטראפאאידען, נאר איינציגע אדער נאר איין מין. אפילו איבטער זענען אין דער זעלבער צייט פארהאן אי אנטראפאאידען (שימפאנזע, גארילע און אנדערע) און נידעריגערע מינים מאלפעס. מיר ווייסען נים, פארוואס איינציגע מינים מאלפעס האבען זיך ענטוויקלט אין אנטראפאאידען, אשעת די איבעריגע האבען זיך כמעט גאר נישט ענטוויקלט און זענען געבליבען היגטערשטעליג, אבער אזוי קומט עס פאר, און מיט דעם דארפען מיר זיך רעכענען.

דערנאך וואקסען זיך די העכערע מינים מאלפעס, די אנטראפאאידען אנגעהויבען ביסלעכווייז ענטוויקלען אין מענשען מיט נאך גרעסערע געהירען און מיט א העכערער שטופע פון גייסטיגער ענטוויקלונג. איינציגע פון די אמאליגע מענשליכע מינים, ווי די נעאנדערטאלען, צ. ב. ש. זענען אונטערגעגאנגען, און אויף זייער פלאץ האט זיך ענטוויקלט דער נייער מין מענש, וועלכער הערשט איצטער אויף דער וועלט.

דאס געזעץ פון עוואלוציע, וואס האט ענטוויקלט דעם איצטיגען מענשליכען מין פון נידעריגערע מינים בעשעפעניש, האט זיין טעטיגקייט נים אפגעשטעלט, און דעריבער דארפען מיר גלויבען, אז די מענשען פון דער צוקונפט וועלען זיין נאך מעהר ענטוויקלט, ווי זיי זענען איצטער, די ענטוויקלונג קומט פאר הויפטזעכליך אין דער גרויס פון מארך און אין זיין עמפינדליכקייט, ד. ה. אין זיין פעהיגקייט אויפצונעהמען און אנהאלטען אבסטראקטע בעגריפען. ארטור קעיט גלויבט, אז די געהירען ביי די מענשען פון דער נאהנטער צוקונפט וועלען זיין אזוי ענטוויקלט, אז יעדער דורכשניטליכער מענש וועט קענען לעזען און פערשטעהן איינשטיינ'ס טעאריע מיט דער זעלבער לייכטקייט, מיט וועלכער מען לעזט איצטער די ביליגע ראמאנען.

אבער אין דעם פראצעס פון ענטוויקלונג קומט פאר אנ'אויסקלייבונג. נים יעדער מין לעבעדיגע בעשעפעניש האט זיך געקענט ענטוויקלען א ן מאל פעס, נים אלע מאלפעס האבען זיך געקענט ענטוויקלען אין אנטראפאאידען, און נים אלע אנטראפאאידען האבען זיך ענטוויקלט אין מענשען — דעם איצטיגען הערשער אויף דער ערד. פרעגט זיך — וועלכע פון די איצטיגע מענשליכע ראסען וועט זיך מיט דער צייט ענטוויקלען צו יענער שטופע, וועלכע ארטור קעיט זעהט איצטער פאראויס; און אזוי ווי אויף דער ערד הערשט יענער מין בעשעפעניש, וואס בעזיצט די ענטוויקלטע און מעהר עמפינדליכע געהירען, קען מען די זעלבע פראגע פארמולירען אזוי: הער, וועלכע מענשליכע ראסע וועט בעהערשען די וועלט אין דער צוקונפט?

נאך דעם, ווי ארטור קעיט בעטראכט די פראגע אויף אזוי פיל אלזייטיג, אויף וויפיל דאס איז מעגליך אין א ענציקלאפעדיש-קורצען ארטיקעל, קומט ער ענדליך צום בעשלוס, אז געוועלטיגען אויף דער ערד אין דער צוקונפט וועט די קאווקאזער, אדער ווייסע ראסע.

דער מאטיוו זיינער איז אומגעפעהר אזא! כאטש מיר ווייסען נים פארוואס די נאטור קלייבט אויס גראד איין מין פון פיעלע אנדערע פאר ווייטערע ענטוויקלונגען, זעהט עס אבער אויס, אז די נאטור קלייבט דערביי אויס די בעסערע, די מעהר צוגעפאסטע מינים, פון צוויי אומגעפעהר גלייכע מינים וועט די נאטור גיכער ענטוויקלען יענעם פון זיי, וועלכער טראגט דעם אנהויב, דעם ווארצעל, די פאטענציאלע מעגליכקייט פאר אזא ענטוויקלונג. פון די אלע עקזיסטירענדע ראסען זענען, נאך ארטור קעיט'ס מיינונג, פאראן נאר ... וואס שטעהען העכער פון די ... און זענען, לויט זייערע איינגעבוירענע פעהיגקייטען און גייסטיגע כחות, פאסיג פאר ווייטערע ענטוויקלונגען. און דאס זענען: די קאווקאזער, אדער ווייסע ראסע, און די אזיאטישע, אדער מאנגאלישע ראסע. פון די צוויי שטעהט די ווייסע ראסע העכער פון דער מאנגאלער ראסע, און די העכסטע שטופע פון קונסט און וויסען איז ענטוויקלט געווארען פון אט דער ווייסער ראסע. דאס אליין צייגט אן דערויף, אז די ווייסע ראסע איז, לויט איהרע איינגעבוירענע כוחות, די מעהר צוגעפאסטע פאר ווייטערע ענטוויקלונגען, און דעריבער וועט זי עס זיין יענע ראסע, יענער צווייג פון דעם איצטיגען מענשליכען מין, וואס וועט בעהערשען די ערד אין דער נאהענטער צוקונפט.

מענער-היט

די נייעסטע פאסאנען און קאלירען, פון פער שידענע קוואליטעטען בעקומט מען נאר ביי

מ. קאפעלושניק

8 קאנסטאנטינער 8

איך נעם אייך אן היטען צו פאסאנירען און פארבען. 199

דער וועק-זייגער

(סקיצע)

פון אסיר דימאוו

אמאל, אין די פריהערדיגע צייטען, האבען די שטעט, קליינע און גרויסע, געהאט א שטאט-זייגער. הויך, פעסט און מאיעסטעטיש איז געשטאנען דער טורם אין מיטען מארק-פלאץ און דער גרויסער זייגער, קוקענדיג אין אלע פיר זייטען, האט רעגולירט דאס לעבען.

איינס — צוויי — דריי... האט געשלאגען דער אלטער שטאט-זייגער. און די שטאט איז געווען געהארכזאם צו די דאזיגע מעלא זשע קלאנגען... טאג און נאכט, יאהרהונדערט איין, יאהרהונדערט אויס, האט מען געקענט הערען די אייזערנע שפראך פון דער צייט. און לעגענדען און נאכט פויגעל האבען זיך איינגענעסט אין דעם קאפ פון שטאט-טורם, וואס האט געקוקט אויף דעם גאנג פון לעבען מיט די צוועלף אויגען פון דעם ציפער בלאט.

* * *

די שטאט-זייגערס ווערען פערשוואונדען. די צייט האט זיך אפגעריסען פון די הויכע אלטע, האלב לעגענדארישע מויערען, און פערברעקעלט, דעצענטראליזירט געווארען אין טויזענדער און טויזענדער קליינע זייגערלעך, וואס קלאפען אין דער וועסטעל-קעשענע, צוזאמען און לעבען דעם הארץ. טויזענדער און טויזענדער וועקזייגער, וואס קלאפען שטיל די גאנצע נאכט און פלוצים, אין מארגען, אין א בעשטימטער מינוט, פאנגען זיי אן צו רופען, צו שרייען — רעגולירען דאס לעבען, הערשען איבער אונז, קאמאנדעווען און בעפעלען. דער וועקזייגער איז די בייטש וואס טרייבט — דער אויפזעהער, וואס לאזט נישט ארונטער זיין אויג, דער פערמיטלער צווישען אונז און דעם גרויסען, קאכעדיגען לעבען ארום אונז.

— מאמע, — האט פעלא געזאגט, ווען זי איז געווען קוים פערצעהן יאהר אלט, — איך מוז מארגען גאנץ פריה געהן אין שול וועסטו מיך אויפוועקען.

— אט האסטו דעם וועקזייגער, — האט די מאמע געענטפערט. — ער וועט דיך שוין אויפוועקען צו דער צייט.

אזוי האט זיך פעלא צום ערשטען מאל בעקענט מיט דעם בלעכענעם, בלישטשענדיגען, ביליגען וועקזייגער.

זי האט דעמאלסט נישט געוואוסט און נישט געטראכט וועגען דעם וואס פאר א ראלע דער וועקזייגער וועט שפילען אין איהר לעבען.

עס האט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי עס ווייזט זיך אויס א סך יונגע מיידלעך, אז איהר לעבען וועט זיין אומגעווארטעט שעהן, אינטערעסאנט, און זי האט געווארט: ווען זשע וועט עס אנפאנגען אזוי צו זיין?

געווארט האט זי לאנג. דאס אומגעווארטעטע איז געקומען, אבער נישט אזוי ווי זי האט גע'חלומ'ט. איהר מוטער איז געשטארבען, איהר עלטערער ברודער איז אוועקגעפאהרען, די קליינע משפחה איז זיך צעפאלען, זי איז געבליבען אליין.

אליין? ניין! אנ'ארים, עלענד, איינזאם מיידעל איז קיינמאל נישט אליין אין דער גרויסער שטאט: מיט איהר איז דאך דא איהר וועקזייגער.

דער באלעבאס פון איהר לעבען, דער פערמיטלער צווישען איהר און דער קאכעדיגער שטאט, דער מערדער פון איהר מארגען-שלאף, פון איהרע מארגען חלומות — אבער ער איז אויך געווען דער היטער, דער שומר פון איהר טאג-טעגליכען לעבען. א פריינד און א שונא, דער וואס נעמט און וואס גיט — נעמט א סך: דעם חלום, און גיט ווייניג — דאס ברויט.

דער וועקזייגער איז שוין נישט געווען א צופעליגע זאך אין איהר עקזיסטענץ, ווי עס האט זיך איהר אויסגעוויזען פריהער. ניין, ער איז געווען וויכטיגער ווי איהר קלייד, ווי דאס בעט, אויף וועלכער זי איז געשלאפען, דאס צימער אין וועלכען זי האט געוואוינט. אין דעם דאזיגען קליינעם צימער האבען זיי ביידע געוואוינט: דאס לעבעדיגע מיידעל און דער טויטער וועקזייגער — געוואוינט, געפיהרט איין לעבען, געהאט איין עקזיסטענץ, געווען אפהענגיג איינער פון דעם צווייטען.

אבער נאך זעקס טעג אין דער גרויסער, לאנגער, איינטאניגער וואך האט דער וועקזייגער געשריען אין פריה-מארגען מיט זיין מעטאל-שטים. געשריען און געפאדערט און גערופען און געהייסען אויפשטעהן — אויפשטעהן — געהן — לויפען, — ארבייטען — ארבייטען — ארבייטען, — פערקויפען ביסלעכווייז דאס יונגע לעבען:

שבת איז דער וועקזייגער געווען שטום. טויט. ער האט נישט געלעבט. דאס מיידעל איז געווען אין איהר צימער און אליין — אליין מיט איהרע חלומות. וואס פאר א געניוס! וואס פאר א פרייד! די רוה! דאס זיין אליין, דאס חלומ'ען אהן חלומות, דאס לעבען אהן מאשין...

... אבער איינמאל, אין פריהלינג, שבת פריה, האט דער וועקזייגער אנגעפאנגען צו שרייען און וועקען:

— שטעה אויף, פעלא! טו זיך אן. ער ווארט אויף דיר! ער ווארט אויף דיר. ער ווארט... ער!..

זיי האבען אפגערעדט היינט זיך טרעפען גאנץ פריה און פערלאזען די שטאט אויף דעם גאנצען טאג. דערמאר האט ער אזוי פריה געליארעמט און געשריגען מיט זיין מעטאל-שטים, דער וועקזייגער — זיסער, ליבער וועקזייגער, דער טייערער פריינד וואס האט זי אויפגעוועקט פונקט אין דער צייט — צו איהר טאג פון פערגעניגען.

און אזוי איז פערגאנגען דער שענער פריהלינג און עס האט זיך אנגעפאנגען א נאך שענערער זומער — דער זומער פון איהר לעבען. יעדען שבת פריה האט געקלונגען און גערופען און געשמייכעלט מיט זיין מעטאל-שמייכעל דער וועקזייגער, דער זעלבער, וואס נעכטען און צוויי טעג פריהער און מארגען איז געווען אזוי גרויזאם, אזוי שרעקליך. א לאנגער, גאלדענער זומער, א ריי פון זארגלאזע, גליקליכע זונטאגטעג, וואס האבען זיך אנגעפאנגען מיט מעטאל-צורופען:

— שטעה אויף! פערזוים נישט דיין גליק! פערזוים נישט דיין לעבען. ער ווארט אויף דיר! ער ווארט! ער!..

בלומען בליהען איינמאל און בעשיידענע לעבענס אויך.. געזעגנט זיעגען די וואס האבען דעם געבענטשטען מזל, די קראפט צו בליהען מיט גליק צוויימאל און עטליכע מאל. אבער פשוט'ע, בעשיידענע מיידלעך, וואס זענען ווי זאמד-קערנדלאך אויף דעם ברעג פון ים לעבען — זיי בליהען איינמאל — אזוי ווי בעשיידענע בלומען אין שאטען פו וואלד.

איינמאל, אין א שבת דיגען פריה-מארגען, האט פאסירט, אז דער וועקזייגער איז געבליבען שטום און שטיל. ער האט נישט געקלונגען, האט נישט גערופען — ווייל עס איז שוין נישט געווען צו וואס און צו וועמען צו רופען. א ן שלאף, דורך לאנגער געוואוינהייט, איז איהר פארגעקומען, אז זי הערט דעם מעטאל רוף:

— שטעה אויף! וועסט פערשלאפען דיין יוגענד..

אבער אין דער זעלבער צייט האט זי געוואוסט, אז עס איז נאר א חלום און די ווירקליכקייט איז אנ'אנדערע — א ביטערע — און ווען פעלא האט זיך אויפגעכאפט א שעה שפעטער האט זי געפונען, אז איהר פנים איז נאס פון טרערען, וועלכע זי האט פערגאסען אין שלאף, אין דעם שבת שלאף, וואס איז איצט שוין נישט געווען געשטערט.

...נאר זעקס מאל א וואך האט געארבייט דער וועקזייגער, שבת זענען ביידע געווען פריי: ער און דאס מיידעל, וועמעס לעבען ער האט ביסלעכווייז אויפגעגעסען. איצט איז שוין נישט געווען קיין דריטער צווישען זיי, נאר זיי ביידע — דער מעכאניזם און דאס מיידעל. נאר זיי ביידע — א מאדנער פאמיליען-בונד, א פערקריפעלט הייראט-לעבען, א צוזאמענגוס, וואס איז שטארקער ווי א צוזאמענגוס פון צוויי מענשליכע לעבענס.

ביסלעכווייז, שריט ביי שריט, טאג נאך טאג האט דער קליינער און אהן אויפהער טיקענדער מעכאניזם אויסגעזויגט דאס הייסע בלוט פון איהר הארצען. איצט איז דער מעכאניזם געווארען לעבעדיג און דאס מיידעל — א מעכאניזם. איהרע אויגען זענען געווען פערלאשען, איהר פנים מיד און קאלט, איהרע בעוועגונגען — מעכאניש. יעדער שריט איהרער איז געווען אויסגעמאסטען, יעדער פערלאנג א ווידערהאלונג פון דעם, וואס איז געווען נעכטען. דער וועקזייגער האט איהר פערוואנדעלט אין א שקלאפין, איבער וועלכער ער האט געהערשט איצט אומבעגרענעצט.

און די שקלאפין האט געפאלגט איהר הערשער, איהר מאן, איהר געליבטען, און איז געווען טריי צו איהם פיל מעהר ווי אנדערע ווייבער און מיידלעך זענען טריי זייערע הערשער...

אבער איינמאל אין סונקלען הערבסט מארגען האט זי טאקע נישט געפאלגט איהר הערשער — דעם וועקזייגער, וואס איז געשטאנען נישט ווייט פון איהר אויף דעם נאכט-טישעל. דער זייגער האט געשריען, גערופען, געליארעמט, געקלאפט ביז זיין שטים איז הייזעריג געווארען און פערשטומט געווארען און זי איז פארט נישט אויפגעשטאנען און געשלאפען — מיט דעם לאנגען, באפרייענדען שלאף פון מידע נשמות.

—◆◆—

דער טעות פון א צדיק

ר' ישראל חסיד איז געווען א צדיק. מאמעס האבען זיך געבענטשט מיט איהם און ווען ער איז נפטר געווארען, האבען זיך טייכען טרערען געגאסען. עס איז געווען אזוי, ווי די זון וואלט אונטערגעגאנגען.

די הויפט-עבודה פון רב ישראל חסיד ביים לעבען איז געווען, נישט צו דערלאזען, אז יונגעלייט זאלען פערברענגען די צייט אין זינד, און זינד איז ביי איהם געווען אלץ. דער מינדעסטער שמייכעל אויף די רויטע, זאפטיגע ליפען פון א יונג מיידעל האט ארויסגערופען זיין צארן. ווער רעדט נאך וועגן טאנצען פון זכרים און נקבות...

ער האט אויפגעהאלטען יודישקייט. ער איז געווען דעריינגנער, וואס האט געהאט צו זאגען וועגען די בגדים וואס מע זאל טראגען, וועגען יעדען מאכל, אס מען זאל עסען; ער האט אפילו געפרובט זאגען א דעה, וואס פאר א מחשבות מען זאל האבען. נאר ווי מען גיט איבער, האט ער אין דעם פרט נישט געהאט קיין גרויסען ערפאלג.

איינמאל איז רב ישראל געגאנגען שלאפען, נאך א טאג פון לערנען, פאסטען און תשובה טון. ווי ער האט נאר פערמאכט די אויגען, האט זיך צו איהם בעוויזען א שווארצער מלאך מיט א פייערדיגען שווערד אין זיין האנד.

— איך בין סמאל, איך בין דיין בעסטער פריינד, ישראל.

— וואס, דו מיין פריינד? וואס פאר א חוצפה! — האט דער חסיד אויסגעשריען.

— יא, מיין פריינד, איך בין דיין שותף. מיר האבען ביידע צוזאמען געארבייט געגען גאט. מיר האבען צעשטערט דאס אלעס, וואס ער האט בעשאפען, און איך בין געקומען צו דיר, מיין פריינד, זאגען ברוך-הבא

— וואס מיינסטו דערמיט. ווי אזוי האב איך צעשטערט גאטס געבאט. אז איך האב מיין גאנצען לעבען איהם אוועקגעגעבען? האב איך דען הנאה געהאט פון מיין לעבען? האב איך ווייניג געפאסט, ווייניג געפייניגט זיך? — האט רב ישראל געשריגען.

— אט טאקע מיט דעם האסטו מיר געהאלפען. פרעהליכקייט איז פון גאט. פרעהליכקייט איז פון איהם בעשאפען געווארען, כדי זיינע קינדער זאלען זעהן ווי גוט עס איז די וועלט, וואס ער האט בעשאפען, ווי הערליך עס לויכטען די גרעזעלעך. ווי עס פינקלען די טוי-טראפענס אויף די בלעטעלעך, און אט אזוי ליב קריגען גאט דורך זיין שאפונג. ביזטו געקומען און געזאגט: „לאכט נישט, פייניגט זיך. פאסט, וויינט. דו האסט די וועלט פער'מיאוס'ט אין זייערע אויגען, און זיי האבען פערשאלטען דעם טאג, וואס זיי זענען געבוירען געווארען. זיי האבען געשאלטען די וועלט. און אט אזוי געלעסטערט גאט.

— ווילסטו מיר איינרעדען, אז גאט וויל נישט קיין תשובה, קיין מעשים-טובים?

— מורא האבען פאר גאט איז נישט קיין מצוה און נישט קיין גוטע מעשים, דאס איז עבודה זרה. דו האסט זיי געהאלפען דינען אנ'אפגאט.

— וויפיל זינד איך האב אבער פערהיט!—האט זיך דער חתן געבעטען.

— דאס זענען גארנישט געווען קיין זינד. גאט אליין קוועלט אן, זעהענדיג ווי די יונגע קינדער שפיעלען און האבען הנאה. יעדער קוש, וואס רייסט זיך ארויס פון די ליפען זייערע רופט ארויס א שמייכעל אויף זיין פנים. ער בענשט זיי פאר די פרייד, וואס זיי געפינען אין זיין וועלט. דו האסט זיך צווישען איהם און זיינע קינדער געשטעלט, ביזט א שלעכטער און א בייזער געווען. זיי האבען דיך געשאלטען.

— עס איז נישט אמת, דו מאכסט א בלבול אויף מיר, זיי האבען מיך ליב געהאט, זיי האבען מיך געבענטשט.

— געשאלטען, ווי זיי שילטען מיך און אלע מלאכי חבלה!—האט דער מלאך געלאכט.

— קום מיט מיר און איך וועל דיר איבערצייגען, אז דו האסט עס אויף מיר אויסגעטראכט, אז עס איז קיין אמת ווארט נישטא אין דיינע ווערטער—האט דער חסיד געפאדערט.

— צו שפעט, ישראל, איך בין געקומען דיר בעגלייטען אויפ'ן עולם-האמת. פון איצט אן בעלאנגסטו צו מיר, אין מיין רשות וועסטו זיך געפינען.

— וואס מיינסטו דערמיט, איז מיין סוף געקומען? — האט דער חסיד אויסגעשריען מיט שרעק.

— יא, דיין סוף, ישראל, שרעק זיך נישט, איך וועל דיר בעשיצען פון די עבירות דיינע, וואס ווארטען אויף דיר: איך וועל דיר מיט מיין שווארצען מאנטעל ארומבעדעקען, וועסטו זיי נישט זעהן, וועסטו ווייניגער ליידען.

און א געדיכטער, שווארצער שלייער האט זיך פערשפרייט איבער רב ישראל חסיד'ס אויגען. די שרעק און עגמת-נפש, וואס ער האט געהאט אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען זענען פערשוואונדען, אבער עס איז אויך פערשוואונדען די פרייד פון זיין הארצען. עס איז געווען נאר פינסטער און קאלט.

און אין די גאסען פון שטאט האבען מענשען טייכען טרערען פערגאסען אויף דעם גרויסען צדיק, וואס איז נפטר געווארען.

פון ענגליש: ישראל אבראמאוויטש.

דער מענש און דער לייב

עגיפּטישע מעשה.

אויף א בארג האט אמאל געוואוינט א גרויסער לייב, וועלכער האט גרויסע שטרעקעס וואלד און פעלד ארום און ארום בעטראכט פאר זיין אייגען לאנד, וואס געהערט צו זיין אימפעריע.

איין טאג איז ער געגאנגען שפאצירען. איז א ראב געקומען צו פליהען איהם אין וועג.

— ווער ביזטו? — האט דער לייב געפרעגט, דערזעהענדיג דעם אומבעקאנטען פויגעל.

— איך בין א ראב — האט ער גע ענטפערט — דער מענש האט מיך פערי־אגט. ער האט גענומען א ביקס און אויף מיר געשאסען.

דורך דעם ראב, האט דער לייב, צום ערשטען מאל, דערהערט, אז עס זענען פארהאן מענשען. איז דער לייב געגאנגען אין דער הייך, נאכטראכטענדיג, וואס פאר א מין בעשעפעניש דער מענש קאן זיין. פלוצים דערזעהט ער א שטויבוואלקען — אנ'אייזעל איז אנגעלאפען.

— וואס ווילסטו און ביזטו אפשר דער מענש? — האט איהם דער לייב געפרעגט.

— אך, ניין מיין גרויסער האר, איך בין אנ'אייזעל — האט ער איהם געענטפערט.

— וואס ווילסטו, און נאך וואס ביזטו געקומען אהער?

— איך בין פון מענשען עטלאפען. ער האט מיך געשלאגען און גרויסע לאסטען אויף מיר אנגעלעגט.

און נאך אמאל האט דער לייב וועגען מענשען זיך פערטראכט און נישט געקאנט בעגרייפען, וואס פאר א בעשעפעניש ער קאן זיין.

איז א פערד אנגעלאפען איהם אין וועג.

— וואס ווילסטו דא? ביזטו אפשר דער מענש? — האט דער לייב געפרעגט ביים פערד.

— ניין, מיין גרויסער האר — האט געענטפערט דאס פערד — איך בין נאר וואס פונ'ם מענשען אנטלאפען!

— פארוואס ביזטו אנטלאפען?

— ער האט א שטיק לעדער מיר געלייגט אויפ'ן רוקען און זיך געזעצט רייטען אויף מיר, און מיט זיינע פיס געדריקט מיינע זייטען. האב איך איהם פון זיך אראפגעווארפען און בין ענטלאפען.

האט ווידער דער לייב זיך פערטראכט וועגען מענשען ביז א קעמעל איז געקומען איהם אין וועג.

— ווער ביזטו, ביזטו דאס אפשר דער מענש? — האט דער לייב געפרעגט דעם קעמעל.

— אך ניין, מיין גרויסער האר, איך בין דער קעמעל. דער מענש האט מיר אויף מיין רוקען א הילצערנע שטיבעל אויסגעבויט. דעקעס זיך אונטערגעבעט און זיין גאנצען האב און גוטס אנגעפאקט אויף מיר. נאכדעם האט ער מיך געצוואונגען צו קניהען פאר איהם און זיך געוואלט אויף מיר זעצען. האב איך אלץ פון זיך ארונטערגעווארפען און בין ענטלאפען געווארען.

האט דער לייב געטראכט און געטראכט וועגען מענשען און נישט געקאנט פערשטעהן, וואס פאר א מין חיה דער מענש קאן דאס זיין, וואס ער קאן אלעמען מאכען אונטערטעניג מיט אזא געוואלט און איבער אלעמען געוועלטיגען...

און אט איז אנגעקומען א בעשעפעניש אויף זיין וועג, וואס האט געטראגען אונטער'ן ארים האלץ און האנדגעצייג.

— ווער ביזטו? — האט איהם געפרעגט דער לייב, צוקומענדיג נאהענט נעבען איהם.

— א טישלער בין איך, הער לייב!

— און וואס ווילסטו טון מיט'ן האלץ דא.

— דער הערשער און קעניג — דער סולטאן — האט מיך בעשטעלט פאר איהם א בעט צו מאכען.

— עס איז נישטא קיין הערשער און קעניג א חוץ מיר! — האט דער לייב געענטפערט מיט גרויס ערגער און כעס — איך בין דער קעניג און סולטאן, מאך דאס בעט פאר מיר!

איז דער טישלער גלייך צוגעטראטען צו דער ארבייט און האט פון דעם האלץ געמאכט א גרויסען, שעהנעם קאסטען. און אז דער קאסטען איז פארטיג געווארען, האט ער געזאגט צום לייב:

— הער לייב, דער קאסטען איז דאס בעט פאר אייך, איהר קאנט אריינגעהן.

איז דער לייב אריין אין קאסטען, אומשפאצירט הין און צוריק און דאס בעט איז איהם שעהן געפעלען געווארען. אבער, אז ער האט געוואלט ארויס פונ'ם קאסטען, האט ער דערזעהן, אז ער איז פערשלאסען.

— מאך אויף דעם קאסטען! האט דער לייב מעכטיג בעפוילען.

— ניין, דאס גראד וועל איך נישט טון, דו ביזט מיין געפאנגענער — האט איהם געענטפערט דער טישלער,

— אך איצט דערקען איך דיך-האט געברילט דער לייב — דו ביזט דער מענש

יודיש—פון רחל לוריע.

רעטשניצע פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17, טעל. 16-33.

ד״ר ראַקאָווסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	11-10 3-2 $7^1/_2$-$6^1/_2$
ד״ר רוזשאַנער	הויט- און געשלעכט-קר.	11-10 2-1
ד״ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	2-1 8-7
ד״ר יוסטמאַן	נערווען-קראַנקהייטען	2-12
ד״ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	12-10 5-4
ד״ר פּאַפּיערני	פרויען- און געבורטס-הילף	1-$11^1/_2$ 5-
ד״ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייטען	4-3 ז.1-2
ד״ר וויינבערג	אינערע, האַרץ, לונגען-קר.	1-11 $5^1/_2$-7
ד״ר סטופּעל	רענטגען	6-4 12-10
ל. פּרוסאַק	צאָהן-אַרצט	10-2
ג. ראָזעס	צאָהן-אַרצט	7-4

צאָהן-פּלאָמבירונג, בעלייכטונגען, קראָנען, מאָסטען, א אז. וו.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
דער נטגען-אינסטיטוט
היילונג פון הויט-קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגען-שטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און דורכלייכטונגען, קאַרציך-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע מעגליכע אַנאַליזען. א קורס פאַר שטאַמלער.
אימפונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאַכט.
די רעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.
יידיש איז דער שפּראַך.

א צימער

ביי אַן אָרענטליכע פאַמיליע, מיט דורכגאַנג בעזונדערן איינגאַנג, און דער געגענד פון ניי-שטאָט ביז צעגעלניאַנאַ אויך אין די קווער-גאַסען, פאַר א צוקונפט. פאַר-פאַלק אָהנע קוך-בענוצונג ווערט פון זאָפאָרט געזוכט. אָפערטען אין אַדמיניסטראַציע פאַר M. J.

קויפט מעבעל פון דער 2-טער האַנד, נישט קיין נייע, ווייל
אַזעלכע בעקומט איהר אַמביליגסטען פון דער 1-טער האַנד ביי!
L. SALAMONOWICZ, 66 Wschodnia 66 537
אייג. אויסאַרבייטונג! בעקוועמע בעדינגונגען! לאַנגיעהר. גאַראַנטיע

יעדער איינציגער האָט זיך איבערצייגט, אַז פאַר
מעבעל
דיוואַנעס, טעלצען, ניי מאַשינען, גאַרדעראָבען א. ז. וו.
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
א. ווייצמאַן נאַרוטאָוויטש 19 (דו״ע.אַ)
אין מעבעל-געשעפט, (פּריוואַט-וואָהנונג שענקעוויטש 29
ווי מען איז שטענדיג פאַרזיכערט. געניצטע מעבעל
אין גוטען צושטאַנד צו פאַרקויפען 1374

פּעלץ-ווארען

אַלער אַרט אין רויהען און פאַרטיגען צוּ-שטאַנד צוּ מעסיגע פּרייזען עמפּפעהלען
B-cia PIETRUSZKA i MELMAN
2 ZIELONA 2, — tel. 42-38
(róg Piotrkowskiej)
אַכטונג! קירזשנער - ווערקשטעל
אויפ׳ן אָרט. אויספערטיגונג פון אַלע אַרט פעלץ-אויסאַרבייטונגען.

טליתים-פאַבריק

אויסאַרבייטונג פון וואָלענע, האַלב-וואָלענע זיידענע טליתים כמו טערקישע, ווי אויך טליתים-קטנים הורט און דעטייל! מיט אויספערטיגונג, אויך גאַרטלען, שפּאַניעס און ציצית
צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל
ביי א. ה. ציטרינאָווסקי, קאַמיענאַ 8,
אין צווייטען טויער, פּאַרטער. קומט און איבערצייגט אייך! 893
בעמערקונג: ס׳ווערען אויך אָנגענומען אַלטע טליתים צו וואַשען

Dr med. Braun

23 פּאָלודניאָווע 23
טעלעפאָן 40-26. — —
צוריקגעקעהרט.
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען
און מענער שוואַכע.
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ ליכט (האָר אויספאַל.)
נעהמט אָן פון 9—12 און פון 5—8 אָוונט.

נוצליך פאַר אייער געזונד

דער בעוואוסטער ערשט-קלאַסיגער
פּענסיאָנאַט עלבינגער
טאָמאַשאָוו מאַזאָוו.
מאַכט דערמיט בעקאַנט, אַז עס ווערען אָנגענומען געסט אויף די קומענדע ימים טובים. ערשט-קלאַסיגע קוך מיט רייכע געזונדע בעקעסטיגונג אויך ווערט איינגעאָרדנעט א אייגענע מנין מיט א זעלטענעם בעל תפלה
דער פּענסיאָנאַט איז פון אַלע זייטען אַרומגענומען פון די בעריהמטע ספּאַלער וועלדער איבעראַל עלעקטרישע בעלייכטונג ווי אויך אַלע מאָדערנע בעקוועמליכקייטען, קורץ: בעקוועם און פאַרגעניגעספאַל און אַלע הינזיכטען
פּרייזע צוגענגליך.
בעמערקונג: דער פּענסיאָנאַט וועט אויך צום ווינטער זיין אָפען אָהן איבעררייס אין ספּעציעלע וואַרמע זוניגע צימערן און עס ווערט בעזונדערס אַכט געלעגט אויף דער היימליכקייט אַנגענעהמער פערוויילונג און צופרידענהייט פון די געסט. 565

8-קל. קנאַבען-גימנאַזיום

מיט רעגירונגס-רעכט
פון ל. שאַכיז, לאָדז, פּעטריקאָווער 18.
די קאַנצעלאַריע נעהמט אָן אַנמעלדונגען פון בייטע שילער פון 11 ביז 1 נאַכמ.
אין דער קלאַס A ווערען אָנגענומען שילער פון 6 יאָהר אָהן פאַרשרייבונג.
די יודישע למודים (רעליגיע העברעאיש) פאַרנעמען זאַ א געהעריגען אָרט,
דער פּרייז איז פאַר יעדען צוגענגליך.
דירעקטאָר: אינזש. א. רוסאַק. 585

8-קלאַסיגע רעליגיעזע גימנאַזיע

„בית אלפא" צעגעלניאַנאַ 60
איינשרייבונגען טעגליך פון 10 ביז 1 מיטאָג.
די עקזאַמענס הויבען זיך אָן דעם 13 סעפּטעמבער (ה׳ תשרי תרפ״ז)
קאַנדידאַטען צו די העכערע קלאַסען בעקומען גרויסע הנחות פון שול-געלד.
דירעקטאָר: ה. פינקעלקרויט. 770

ראַטעוועט דאָס געזונד!

די גרעסטע וועלטליכע מעדיצינישע פּערזענליכקייטען האָבען בעשטעטיגט, אַז
75 פּראָצ. קראַנקהייטען שאַפען זיך פון עצירות.
א קראַנקער מאָגען איז די הויפּט-סיבה פון די פאַרשידענסטע קראַנקהייטען,
פאַראונרייניגט דאָס בלוט און שאַפט א שלעכטע שטאָף-ווערקסלונג.
די בעוואוסטע פון 48 יאָהר אויף דער גאַנצער וועלט
ZIOŁA z GÓR HARCU D-ra Lauera
ווי עס האָבען בעשטעטיגט די פּראָפעסאָרען פון בערלינער אוניווערזיטעט ד״ר פ לעידען, ד״ר מאַרטין, ד״ר האַלפּמער און א סך אַנדערע בעריהמטע דאָקטוירים, זיינען אַן אידעאַל-מיטעל אויף געזונד צו מאַכען דעם מאָגען, פאַרניכטען דאָס עצירות (פאַרהאַרטונג), זיינען דאָס אונפאַרטרעטענדסטע אָפּ-ריינגונגס-מיטעל, פאַרלייכטערן די פונקציע ביי די פאַר-דייאונגס-אָרגאַנען,
פאַרשטאַרקען דעם אָרגאַניזם און ערוועקען אַן אַפּעטיט.
Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera פאַרניכטען דאָס ליידען אויף דער לעבער נירען, גאַל-שטיינער, העמאָרוידען, רעומאַטיזם און אַרטעריען, קאָפּוועהטאָג, אויסשיטונג און לושאַיעס.
Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera זיינען בעשענקט געוואָרען אויף דן דאָקטוירים-אויסשטעלונג מיט אויסצייכנונגען און גאָלדענע מעדאַלען אין באַדען, בערלין, ווען, פּאַריז, ראָם און א סך אַנדערע שטעדט. טויזענדער דאַנקזאַגונגע האָט בעקומען ד״ר לאוער פון אויסגעהיילטע פּערזאָנען.
פּרייז פון א האַלבע שאַכטעל 50 ז, דאָפּעלטע שאַכטעל 2.50
פאַרקויף אין אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדעס
בעמערקונג: היט אייך פאַר אָהנוואַרטיגע נאָכמאַכונגען.
רעפּרעזענטאַנט אויף פּוילען: Józef Grossman, Warszawa, Chmielna 49

בעקאַנטמאַכונג.

די בעוואוסטע וואַרשאַווער פירמע א. ג. J. KRZYPOW האָט ערעפענט —:— אין —:—
לאָדז, 16 בענעדיקטאַ 16
א מעבעל-לאַגער
קויפט און פאַרקויפט אַלערליי מעבעל, דיוואַנעס, ניי מאַשינען, ווי אויך גאַרדעראָבען, אַנטיקען און פעלצען. כ׳קויף פּיאַנינאָס, און כ׳צאָהל די העכסטע פּרייזען קומט און איבערצייגט אייך 589

8-קלאַסיגע מעדכען-גימנאַזיום פון
Marja Hochstein

וואָלטשאַנסקאַ 23, טעל. 14-27
לעקציעס און עקזאַמענס וועלען זיך אָנהויבען דעם 15 סעפּטעמבער
שול-געלד אין די אינטערימס-קלאַסען פון 25 זל. מאָנאַטליך.
די קאַנצעלאַריע איז טעגליך פון 10 ביז 2 און פון 4 ביז 7 אָוונד.
ביים גימנאַזיום איז א „קינדער-היים" סיסטעם מאָנטעסאָרי. 731

רעטשניצע פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

בזשעזשינער 11, טעל. 37-63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 א׳ בנר

ד״ר וואָלינסקי	נאָז, האַלז, אויערן-קר.	3—4
ד״ר קערשנער	קינדער-קראַנקהייטען	9—12 4—5.30
ד״ר שיפּמאַן	אינערליכע קראַנקה.	10—12 5-6.30
ד״ר לוביטש	הויט- און געשלעכט קר.	12—2
ד״ר שמירגעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	1- 3
ד״ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	12.30—2
ד״ר פליאַסבערג	כירורגישע קראַנקה.	1—$2^1/_2$
ד״ר בערגמאַן	פרויען און געבורטס-הילף	3—4

פּסיכאָ-טעראַפּיע, שפּר ד׳-שטערונגען ווי שטאַמלען א. ז. וו. מאָגען-שטעלע, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַהלונג אינהאַלירונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויף פאַרלאַנג — באַזוכען אין שטוב. אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען ווי אורין, פלעגמע און בלוט. 212
אימפונגען געגען שקאַרלאַטין.
ביי דער רעטשניצע איז געעפענט געוואָרען א
דענטיסטישער קאַבינעט
עס נעהמען אָן:

ד״ר זילבערשטיין	צאָהן-אַרצט	[illegible] 2 נ״מ.
ד״ר לאָזשינסקאַ סטאַראָפּאָלסקאַ	צאָהן-אַרצט	7.30 - 3

קינסטליכע ציינער, קראָנען, מאָסטען א. ז. וו.
די רעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

28 | נאָר | 28 | נאָר | 28
פאַרקויפט נישט אייער
מעבעל,
דיוואַנעס, פעלצען, אַנטיקער, נייי-מאַשינען או״וו. בעוואָר איהר איבערצייגט אייך גישט ביי די לאַנג-עקזיסטירענדע פירמע
ח. ראָזענ׳ס, בענעדיקטאַ 28
נאָר איך צאָהל די העכסטע פּרייזען!
בעמ.: ביי מיר אויף לאַגער שטענדיג פערשידענע געניצטע מעבעל און נומען צושטאַנד, פּרייזען צוגענגליכער, ווי איבעראַל!
28 | נאָר | 28 | נאָר | 28

וכי תמכור ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו!

און סאַמער יאָ זאָלסטו קומען צו לויטען אין ביוראָ
פּעטריקאָווער 18, וואו ס׳ווערט ערלעדיגט
אַלערליי ביטעם לויט׳ן אויסגאָוו, כלאַוזועס, ואבעזפּיעשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, אַפּעלאַציעס, אַפּאָזיציעס, אַרחאַלאָניעס, רעקורסען- וועגען קאַנצעסיעס און קאָמיסאַריאַט-רזשאָנדו, ביסעס אין אַלע פּאָ-ליציי-בעצירקען, שותפות-אַקטען, סטאַטוטען, אַקטען אינטערציזיעס, אַקטען דאַראַחיוויעס, קאַרנע ספּראַוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. 503
שנעל, רעעל און ביליג!

א גרויסער אויסוואַהל שירם — פון — און שטעקענס מיט 25 פּראָצ. ביליגער, ווי איבעראַל!
צו בעקומען אין ווערקשטאַט פון
ס. פינגענבוים,
19 נאַרוטאָוויטש 19.
בעמערקונג: ס׳ווערען אויך אָנגענומען אַלערליי רעפּאַראַטורען, ווי אויך איבערציהען. 324
געדענקט די אַדרעס: נאַרוטאָוויטש (דזיעלנאַ) 19.

מעבעל

שלאָפצימערן, עסצימערן, מעדכען-נאַבינעטען, פּאַרצימערן, קוכען איינער בשונגען ווי אויך איינצעלנע מעבעל-געגענשטאַנדען צו צוגענגליכע פּרייזען אויף בעקוועמע בעדינגונגען
קען מען בעקומען נור אויף 699
5 Zawadzka 5 (אויפ׳ן הויף).

היילפּעדאַגאָגישע קורסען

פאַר שוואַכבעפעהיגטע און שווערערציהבאַרע קינדער. שפּראַכשטערונגען
Dr. med. A. SZMIRGELD
נערווען-אַרצט. 144
CEGIELNIANA 6.
איינשרייבען קאָן מען זיך יעדען טאָג פון 6 ביז 7 אָוונד.

די אגראר- און אינדוסטריע-אויסשטעלונג אין טשענסטאכאוו.

(פון אונזער קאָרעספאָנדענט).

פאר איינעם, וואָס האָט אַמאָל בע-זוכט אַנ׳אויסשטעלונג אין לייפציג, פּראָג, קרעמפעלד, עלבערפעלד, וועלכער שמועסט נאָך – וועמבלי, פאַר אַזעלכען איז אַזאַ אויסשטעלונג, ווי דאָס מאָל די טשענ-סטאָכאָווער, מעהר ווי אַ קינדער-שפּיל.

אין דער אויסשטעלונג נעהמען אָנ-טייל ביז 200 גרעסערע און קלענערע פירמען. אָבער אַזאַ דלות, איז זעלטען צו זעהן אויף אַנ׳אויסשטעלונג. פון די אַלע אויסגעשטעלטע עקספּאָנאַטען איז נישטאָ אויפצו-ווייזען אויף קיין איין אָרי-גינעלען און טאָמער געפינט זיך יאָ אין דער אַגראַר-אָפּטיילונג עפּיס אינטערע-סאַנטעס, ווי אַ שטייגער, אַ צענטריפוגע, וועלכע קען אין פערלויף פון איין שעה פערטיג מאַכען 600 קוואָרט פוטער, – איז עס אַנ׳ערפינדונג פון אַ שוועדישע פירמע, וועלכע זוכט אַפזאַץ-מערק, דע-רונטער אויף דעם פּוילישע, אגראַר-מאַרק.

נישט איין פויער בעוואונדערט אָט דאָס „גרויסע פאַס” און ווינשט זיך צו האָבען דאָס ביסעל קוה, וואָס מען ברויכט צו דעם... עס געפינט זיך נאָך אין דער אַגראַר-אָפּטיילונג עטליכע זע-העגס-ווירדיגקייטען, ווי אַ שטייגער, אַ מוסטער פון גוט-אויפגעהאָדעוועטע פ״ש פון גראַף ראַטשינסקיס „מאַיאָנטעק” אין זלאָטי פאָטאָק. אַ זאַך, וואָס איז ווערט צו זעהן אין דער אויסשטעלער האָט דערפאַר אַנ׳אויסצייכנונג בעקומען. אויך געפינט זיך א מוסטער פון גוט-אויפגע-האָדעוועטע שעפּסען און בהמות פון באַ-ראָן קראָנענבערג׳ס פערמעגען. אָבער פאַר אַנ׳אויסשטעלונג פון אַ לאַנד, וואָס פּרעטענדירט אַלס אַגראַר-מעהרהייט, איז עס פיל צו וועהניג.

נישט בעסער איז עס אויך מיט דער אינדוסטריע-אָפּטיילונג. קיין איין נייעס אויפ׳ן געביט פון דער פּוילישער אינ-דוסטריע זעהט מען נישט און אויב עס געפינען זיך עטליכע מאַשינען פון דער פירמא „פיצנער און גאמפּער” פון סאָס-נאָוויעץ, וואָס אויב זיי וואָלטען געוואָ-רען אויסגעאַרבייט אין פּוילען וואָלט מען געקענט שטאָלץ זיין דערויף-ווייזט זיך אַרויס, אַז די גרעסטע טיילען צו אָט די מאַשינען, ווערען געבראַכט פון דייטשלאַנד און אַמעריקע. עכט פּוילי-שער „ווירוב”...

פאַר די, וועלכע געדענקען די היגע אויסשטעלונג פון יאָהר 1909, איז די איצטיגע אויסשטעלונג בכלל אַ רעטע-ניש און נישט איינער פרעגט זיך: איז פּוילען אויף אַזוי פיל אָרימער געוואָ-רען? וואו איז אַהינגעקומען די פּוילי-שע אינדוסטריע, וועלכע איז דעמאָלט געוועזען אַזוי שטאַרק פערטרעטען און בפרט די לאָדזער, וועלכע האָט דע-מאָלט געמאַכט אַזאַ גוטען רושם און היינט איז זי בכלל נישט פערטרעטען.

אויב די אַגראַר און אינדוסטריע – די הויפּט-מחותנים פון דער חתונה, האָבען אונז קיין גרויס נחת נישט פער-שאַפט, דערפאַר וואָס זיי זענען זעהר קנאַפּ פערטרעטען, – האָט מען שוין אַ סך „נחת” פון די „האַנדעלס פערטרע-טערשאַפט”, וועלכע איז דאָ זעהר צאָהלרייך פערטרעטען, און אַז עס קומט אַ שטיקעל יומא דפגרא, ווי אַ שבת, אַ זונטאָג, אָדער סתם אַ יום-טוב, מאַכט דער פּאַרק, אין וועלכען די אויסשטע-לונג איז איינגעאָרדענט, אַנ איינדרוק ווי אַ מאַרק-טאָג פאַר׳ן אייזענעם טויער; אַ געשריי און אַ געפילדער פון די פער-שידענע שרייער, וועלכע האָבען צום פערקויפען קלעבעכץ פאַר אַלעם, אַפילו פאַר צוב-אָכען גלאָז, פּיך-צאָמאַדקע, „אייביגע” שרייב-פעדער, און סתם „נויהייטען”, וועלכע ציהען פון עולם אויס די פאָר זלאָטעס...

ספּעציעלע טשענסטאָכאָווער „אויס-שטעלונג-נייהייט”, איז אוראי אויך דאָס, וואָס עס ווערט צוזאַמענגענומען געלד פאַר די נעגער, וועלכע האָבען נאָך נישט געהאַט דאָס גליק צו געהערען צו דער קריסטליכער קירכע און אָט מיט דעם געלד, וויל מען עס מאַכען...

